STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02846

HASIDIZM

Samuel A. Horodezky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלל-פארלאג

ד"ר ש. א. האָראָדעצקי

חסידיזם

ייִדיש — ר. זעליגמאַן

כלל־פאַרלאַג
בערלין, תרפ"ד 1924

KLAL - VERLAG
BERLIN SW 68, MARKGRAFENSTR. 73

אינהאַלט:

אַריינפיר . . . . ז. 7—13

דער בעל־שם. זיינע קינדער־יאָרן. זיין וואַנדער־לעבן. ליב־שאַפט צו דער נאַטור. זיינע אָנשויאונגען. ליבע אַלס יסוד פאַר תפלה. דער חסידישער מאַניפעסט . . . 14—28

ר׳ דוב־בער מעזשיריטשער. זיין יוגנט. זיין פאַסטן און פייניגן זיך. ר׳ בער קעגן חסידיזם. ר׳ בער פאָרט צום בעש״ט און ווערט זיין תלמיד. נאָך דעם בעל־שמס טויט ווערט ר׳ בער דער מנהיג. זיין תורה. דער חרם פונם ווילנער גאון . . . . 28—61

ר׳ מנחם מענדל דער וויטעבסקער. בראש פון 300 חסידים פאָרט ר׳ מענדל קיין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל אַ צענטער פון חסידיזם . . . . 61—66

ר׳ יעקב־יוסף הכהן פון פּאָלאָנע. דער אַפּאָסטאָל פון חסידיזם. דער ערשטער חסידישער מחבר. זיין ספר „תולדות יעקב־יוסף”. זיין קריטיק און די רבנים. ווידער חרם . . . . 66—84

ר׳ נחום טשערנאָבילער. זיין השפעה אויף די אוקראַינער חסידים . . . . 84—87

ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער. זיין השפעה אויף די אוקראַינער חסידים . . . . 87—92

ר׳ פנחס קאָריצער. זיין תורה . . . . 93—98

ר׳ אברהם „מלאך”. זיין פערזענליכקייט . . . . 98—102

ר׳ ליב שרה׳ס — אַ מיסטישע פיגור . . . . 102—104

ר׳ שניאור־זלמן דער לאַדיער — דער באַגרינדער פון חב״ד 104—106

ר׳ אהרן סטראַשעלער — קריטיקער פון חב״ד . . . . . 106—108

ר׳ נחמן בראַצלאַווער — קריטיקער פון אוקראַינישן חסידיזם 108—109

אַריינפֿיר

אָנהויב פֿערטן יאָרהונדערט אין דעם זעקסטן טויזנט, טרעפֿן מיר אין צפֿת, דעם מיטלפּונקט פֿון דער יידישער מיסטיק אין יענער צייט, די צוויי מקובלים: ר׳ משה קורדובירו און ר׳ יצחק לוריה (אר״י); די דאָזיגע מקובלים זיינען כאַראַקטעריסטישער פֿאַר אַלע אַנדערע, און דער חלוק צווישן זיי ביידע איז טיפֿער און שאַרפֿער, איידער צווישן אַלע אַנדערע. אין דעם ערשטן פֿון זיי האָט זיך געצויגן און פֿאַרענדיגט די שפּאַנישע קבלה, אין דעם צווייטן פֿון זיי — די דייטשישע קבלה. אין דעם ערשטן האָבן אָנגענומען אַ ממשותדיגע געשטאַלט אַלע יענע איידעלע און געהויבענע געדאַנקען וועגן גאָט און דער וועלט, וועגן דער נשמה און דעם מענשן, — געדאַנקען, מיט וואָסערע עס האָט זיך פֿאַרנומען די פֿילאָזאָפֿישע קבלה אין שפּאַניע; אין דעם צווייטן האָבן געפֿונען אַ ממשותדיגע געשטאַלט אַלע יענע געדאַנקען וועגן מענשליכע טואונגען און מענשליכן לעבן, וועגן ענין פֿון פֿאַסטן, פּייניגן זיך, אויסוואָרצלען דעם לעבנסגעפֿיל, — געדאַנקען, וואָס די פּראַקטישע קבלה אין דייטשלאַנד איז פֿול מיט זיי. דער ערשטער איז געווען פֿאַרטון אין דער דערהויבענער פֿראַגע פֿון דער שפּאַנישער קבלה: גאָט און זיין פֿאַרהעלטעניש צו דער באַשאַפֿענער וועלט; ג אָ ט און אַלע פֿראַגן, וואָס זיינען צונויפֿגעבונדן מיט גאָט, זיינען געשטאַנען אין דעם רעכטן מיטלפּונקט פֿון זיינע געדאַנקען. ביי דעם צווייטן איז דער מ ע נ ש און זיין פֿאַרהעלטעניש צו גאָט געשטאַנען אין דעם מיטלפּונקט. דער ערשטער האָט זיך באַזונדערס פֿאַרטיפֿט אין די העכערע וועלטן, דאָרט וואו עס וואוינען די מלאָכים און שׂרפֿים, די „רבוא רבבות אלפֿין״; דער צווייטער האָט זיך פֿאַרנומען מיט אויספֿאָרשונגען וועגן דעם טאָג, ווען משיח וועט קומען, און ווען דאָס יידישע פֿאָלק וועט אויסגעלייזט

הערן. ביי דעם ערשטן איז דער עיקר געווען — דער ג ע ד אַ נ ק; ביי דעם צווייטן — די ט ו א ו נ ג.

די דאָזיגע צוויי מקובלים האָבן אַנטוויקלט זייערע געדאַנקען אין איין אָ ר ט און אין א י י ן צ י י ט; זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ סך תלמידים און איבערגעגעבענע מענשן, וואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט זייערע מיינונגען אין פאַרשיידענע קאַנטן און מדינות, אַזש ביז פּוילן און איטאַליע; און גאָר באַזונדער אין פּוילן, וואו עס איז געווען אַ גרויסער יידישער ישוב און וואו יידישע צרות זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אַזוי אַז דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ טרייסט פאַר זיך אין מיסטיק. ביידע שיטות האָבן געפונען אַן אָרט פאַר זיך ביי די פּוילישע יידן, צו זיי ביידע האָט מען זיך שטאַרק צוגעהערט און צו זיי ביידע איז צוגעשטאַנען אַ גרויסער טייל פונם פאָלק. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין דער פילאָזאָפישער קבלה; און עס זיינען געווען ווידער אַזעלכע, וואָס פלעגן פאַסטן, זיך פייניגן און „תשובה" טון לויט דעם אר"ים נוסח, כדי צו דערנעענטערן משיחס טעג. די ביידע שיטות האָבן געוואַרט אויף אַ מענשן, ווער ס'זאָל זיי צונויפבינדן אינאיינעם. דער דאָזיגער מענש איז טאַקע געקומען. דאָס איז געווען אַ פּוילישער ייד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט פון די ביידע שיטות, און איז באַוואוסט געוואָרן אונטער דעם נאָמען ר' י ש ע י ה ו ה ל ו י א י ש ה ו ר ו ו י ץ.

דער דאָזיגער מקובל, וואָס האָט געזעהן, אַז די ביידע שטות שפּילן אַ גרויסע ראָלע ביי די פּוילישע יידן, האָט געטוינט מער איידער אַלע אַנדערע פאַר אַזאַ מין אַרבעט. און אין דעם אייגענעם לאַנד, אין ארץ־ישראל, וואו עס האָבן זיך אַנטוויקלט די ביידע קבלה־שטות, און פון דאָרטן זיך פאַרשפּרייט אין אַנדערע מדינות, אין דעם אייגענעם לאַנד האָט ר' ישעיהו הורוויץ אין אַן ערך פופציג יאָר אַרום אָנגעשריבן זיין בוך „שני לוחות הברית", וואו ער האָט פאַרקניפּט די שפּאַנישע קבלה פון קורדובירוס חדר מיט דער דייטשישער קבלה פון אר"ים חדר; מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט דער מחבר פון דעם בוך „הקנה" געמאַכט דעם אייגענעם פרוב צונויפצובינדן אינאיינעם די שפּאַנישע און די דייטשישע קבלה פון זיין צייט. בעת ר' ישעיהו רעדט מכּח גאָט און דער וועלט, דעם פאָלק ישראל און דער תורה און

נאך אזוינע פילאזאפישע ענינים, באנוצט ער זיך מיט דער שפאניש-קורדובירושער קבלה; בעת ער פארנעמט זיך מיט פראקטישע זאכן, ווי למשל, דעם ענין פון גאט-דינען און דעם אינעווייניגסטן מיין דערפון, באנוצט ער זיך באזונדער מיט דער לוריאנישער קבלה. און אלע מאל פארשטייט ער צונויפצובינדן אינאיינעם די דאזיגע ביידע שטות אויף אן אופן, אז זיי ווייזן אויס ווי איין איינציגע פארענדיגטע און פארפאלקאמטע זאך. און פונדעסטוועגן האבן די אלע דאזיגע פרובן נישט משפיע געווען אויף דעם פאלק אין דער מאס, אין וואסערער זיי האבן עס געקאנט טון לויט זייער גייסט און לויט דעם גייסט פון דעם דאזיגן פאלק. ווארום דאס יידישע פאלק איז דאך אין תוך געוועדט א פאלק פון מיסטישער ביינקשאפט נאך גאט, און אויב זיין אמונה האט אנגענומען איר איצטיגע פארם, דהיינו א ראציאנאליסטישע און פראקטישע פארם, איז דאס געווען נאר מחמת דעם גלות און די שרעקליכע וואגלענישן; אבער איטליכס מאל גיט זיך דער אמתער יידישער גייסט, ד. ה. דער מיסטישער גייסט, א רייס ארויס פון זיינע קייטן און הויבט זיך אן צו בונטעווען קעגן דער דאזיגער פארשטיינערטער פארם, וואס איז א סם המות פארן לעבן פון דער אמונה.

די סבה דערפון, וואס די קבלה האט ארויסגעוויזן אזא קליינע פעולה, איז אויף אזא אופן נישט געלעגן אינם פאלק, נאר אין די מקובלים גופא; זיי זיינען אלע געווען מענשן, וואס זיינען תמיד געזעסן איבער ספרים. בודאי זיינען זיי געווען הייליגע, ריינע און איידעלע מענשן, אבער זיי זיינען נישט געווען קיין שטארקע פערזענליכקייטן, וואס זאלן קומען צום פאלק און אים איבעראנדערשן לויט זייער אייגענעם גייסט. זיי זיינען געזעסן פארשפארט אין זייערע צימערן, האבן געשריבן ביכער און פארגראבן צווישן די בלעטער פון די דאזיגע ספרים אלע הויכע און איידעלע סברות פון דער קבלה. דאס פאלק האט זיי נישט געקאנט פארשטיין. זיי האבן פון אים פארלאנגט, אז עס זאל זיך פייניגן, זיך דערווייטערן פונם לעבן, פון דער נאטור, פון פארגעניגנס און וואוילטאג — א פאדערונג, וואס די געזעלשאפט קאן זי בשום אופן ניט דערפילן. די דאזיגע מקובלים האבן אליין געוואָרט, אז דאס פאלק זאל קומען צו זיי, אבער דאס פאלק האט נישט געקאנט ארויפקלעטערן צו זיי אין דער הויך, נאר האט געוואַרט, אז די העכערע מענשן זאלן זיך אראפלאזן צו

אים: דאָס פאָלק האָט געוואָרט אויף היילינע, אויף אויסלייזער, וואָס זאָלן קומען צו אים און ריידן מיט אים אויף זיין לשון. און היות ווי עס האָט אַזוינע מענשן נישט געפונען, איז עס געבליבן שטיין אַ געווימע צייט צעמישט און מבולבל, ביז עס איז געקומען צו חסידות, וואָס האָט אים צום סוף געבראַכט דאָס, וואָס עס האָט באַגערט און געפאָדערט.

וואָס זשע האָט חסידות געגעבן דעם יידישן פאָלק? אין וואָס איז באַשטאַנען זיין אויפטו, וואָס האָט אויף טויזנטער יידן משפיע געווען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געקעמפט צוליב אים און האָבן אים נישט פאַרלאָזט, נישט קוקנדיג אויף אַלע די גרויסע און האַרבע מניעות אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן ביז דעם היינטיגן טאָג? חסידות האָט נישט אויסגעטאָן קיין שום נייעס. די, וואָס זאָגן, אַז דער חסידיזם איז אַ נייע און אָריגינעלע באַוועגונג אינם יידנטום, אַז די חסידישע געדאַנקען זיינען ניי, און אַז דער חסידיזם האָט אַריינגעטראָגן אינם יידנטום נייע ווערטן — האָבן אַ טעות און ברענגען אַנדערע אַריין אין אַ טעות. דער חסידיזם איז נישט אָריגינעל און נישט ניי.

אַלע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, זיינען שוין פון לאַנג אָן אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין פאַרשיידענע ספרים, איידער דער חסידיזם האָט זיך אָנגעהויבן. לייענט נאָר אָקאָרשט דעם „של״ה הקדוש״, דעם „פרדס רמונים״, דעם „פרי עץ חיים״, די אַזוי אָנגערופענע „ספרי הפליאה״ און דעם ספר „הקנה״, דעם „זוהר״ און די „תקוני זוהר״, דעם „חובת הלבבות״ און דעם „ספר חסידים״, די אגדות פון דער גמרא און די פאַרשיידענע מדרשים, קוקט זיך נאָר צו צום לעבן פון די איסיים און פרובט זיך אָקאָרשט צו פאַרטיפן אין די אַזוי אָנגערופענע דרויסנדיגע ספרים (ספרים חצונים) און אין תנ״ך — ביי אַלעמען וועט איר געפינען די וואָרצלען און די געדאַנקען פונם חסידיזם. דעם חסידישן סוד פון דער „מקוה״, דאָס טובל זיך זיין, קאָן מען געפינען אין תנ״ך, ביי דער יידישער סיבילה, ביי די איסיים, ביי יוחנן דעם טובלער, אין דער גמרא און דער קבלה; דעם חסידישן סוד פון דער „היילינער סעודה״ קאָן מען געפינען אין תנ״ך, ביי די איסיים, ביי ישוע הנוצרי און אין דער גמרא און קבלה; דעם חסידישן טיפ פון

דעם „העכערן מענטשן“, דעם צדיק, קאָן מען געפינען אין תנ״ך, אין די אגדתות און ביי די מקובלים.

אַלע געדאַנקען, וואָס דער חסידיזם האָט אַרויסגעזאָגט וועגן גאָט און דער וועלט, וועגן דעם מענטשן און דער מענטשליכער נשמה, וועגן דער מאַטעריע און דעם גייסט, וועגן די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, וועגן נשמות און רוחות, וואָס טראָגן זיך אַרום אינם וועלט־שטח — אַלץ, וואָס דער חסידיזם פאָדערט פון דעם מענטשן, כדי ער זאָל זיך קאָנען באַהעפטן מיט גאָט און די העכערע וועלטן, אַלץ, וואָס ער זאָגט מכח דעם אינעווייניגסטן מיין, דער כונה, דעם געדאַנק, דעם הייליגן אימפעט, דעם ברען, דעם גאָט־דינען, דער תפלה, דער פרייד פונם לעבן וכדומה — דאָס אַלץ איז כלל וכלל נישט ניי און געפינט זיך אין דעם מיס־טישן און מוסר־יידנטום פון די פריהערדיגע צייטן, בשעת דער חסידיזם איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. „דער חסידיזם — ערלויב איך זיך אָנצוּווייזן אויף דעם, וואָס איך האָב געשריבן אין אַן אַנדער אָרט — איז אין תוך גערעדט נישט קיין נייע באַוועגונג אינם יידנטום. ער איז מער נישט, ווי אַ רינג אין דער קייט פון אַלע יענע באַשאַפונגען, אין וואָס דער גייסט פונם יידישן פאָלק האָט געפונען אַ ממשותדיגע און בולטע געשטאַלט, און וואָס קומען אַרויס פונם געפיל און דער אמונה אינם געפיל“.

דורך וואָס זשע האָט דער חסידיזם אַזוי גענומען? אין וואָס באַ־שטייט דער סוד פון זיין נצחון? ווי אַזוי אַרום האָט ער באַוויזן אַרומ־צוכאַפּן דאָס לעבן פון צענדליגער טויזנטער יידן? די מאַכט פונם חסידיזם ליגט נישט אין זיין תוך, נאָר אין זיין *פאָרם*. אויך דעם חסידיזם האָט זיך איינגעגעבן צונויפצובינדן די צוויי קבלה־שטות, די שפאַנישע און די דייטשישע אינאיינעם, הגם ער האָט עס געמאַכט אויף אַביסל אַן אַנדערן אופן; אָבער דאָס איז נישט געווען קיין *ליטע־ראַרישער*, נאָר אַ *לעבנס־סינטעז*. ער האָט דעם דאָזיגן סינטעז דורכגעפירט אינם לעבן. ער האָט נישט געוואַרט, ביז דאָס פאָלק וועט קומען צו אים, נאָר איז אַליין געגאַנגען צום פאָלק. ער האָט פון אים נישט פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל פאַסטן און זיך אָנטון יסורים, נאָר האָט געפאָדערט פון אים לעבן און פרייד, ריינקייט און הייליגקייט. די מאַסע פונם פאָלק האָט זיך געצויגן צום צדיק, האָט זיך באַהעפט

מיט אים און געגלויבט אין אים באמונה שלמה, ווייל דער צדיק איז נישט געזעסן פאַרשפּאַרט בײַ זיך אין חדר און פאַרזונקען אין זײַנע ספרים ווי דער מקובל, ווער ס׳האָט גערעדט און געטאָן נאָר אויף דעם סמך פון ערגעץ אַ פּסוק אָדער אַ מימרא.

דער צדיק איז געווען אַ שטאַרקע און פרייע פּערזענליכקייט, וואָס האָט געטאָן לויט זײַן אייגענעם ווילן און וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט גאָט און מיט זײַנע חסידים. דער צדיק איז דער מיטלפּונקט צווישן גאָט און די חסידים, און קיין אַנדערער סרסור צווישן זיי אַ חוץ אים איז נישטאָ. אַ געשריבענע און געדרוקטע זאַך שפּילט בײַ זיי קיין באַזונדערע ראָלע נישט, אַלץ ליגט אין דעם צדיק. אויף דעם צדיק פרעגט מען נישט קיין קשיות, אַזוי ווי מען פרעגט נישט קיין קשיות אויף דעם רבונו של עולם. דער צדיק דאגהט וועגן זייערע גייסטיגע באַדערפעניש און אויך וועגן זייער פּרנסה, און זיי פאַרלאָזן זיך אויף אים אין פּשוטער אמונה אָהן שום חכמות.

אָט אין וואָס עס באַשטייט דער אויפטו פונם חסידיזם, און אָט אין וואָס עס ליגט דער סוד פון זײַן קיום. נישט די געדאַנקען זײַנען דאָ נײַ, נאָר די פאָרם. און הגם עס איז אַן אַלטער וועג — וועלן מיר זאָגן מיט ר׳ נחמן בראַצלאַווער — איז עס דאָך פונדעסטוועגן גאָר אַ נײַער וועג. קיין נייער וועג איז עס אין דער אמתן נישט, וואָרום אַזאַ מין וועג האָבן שוין פון לאַנג אָן דורכגעבראָכן די נביאים און די פאַרשיידענע משיחם פון שריני ביז שבתי־צבי. און אויב דעם חסידיזם האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערהאַלטן זײַן השפּעה ביז דעם היינטיגן טאָג, בעת די משיחם האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן זייער השפּעה, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס די לעצטע האָבן געהאַט אין זינען אַ באַשטימטן און נאָהענטן ציל — די אויסלייזונג, די גאולה. פאַרשטייט זיך, אַז ווי נאָר פון דער צוגעזאָגטער גאולה האָט זיך גאָר נישט אויסגעלאָזט, און די מאַסע פונם פאָלק איז אָפּגענאַרט געוואָרן אין אירע האָפענונגען, האָט געמוזט זייער השפּעה בטל ומבטל ווערן. אַנדערש איז עס געווען מיט דעם חסידיזם. דער דאָזיגער איז אַ רעליגיעז־מיסטישע באַוועגונג אָהן שום צילן און אויסרעכענונגען, און דערפאַר פאַרמאָגט ער דעם אייגענעם כח, וואָס עס האָבן געהאַט די נביאים.

דער, ווער עס האָט באַשאַפן די דאָזיגע באַוועגונג און געלייגט דעם יסוד צו איר, אין וועמען די דאָזיגע באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אין איר גאַנצער גרויסקייט און אין וועמען זי האָט געפונען די שאַרפסטע און בולטסטע געשטאַלט, איז געווען ר׳ י ש ר א ל ב ע ל ־ ש ם ־ ט ו ב.

א.

ישראל בעל־שם־טוב איז געבליבן אַ יתום, אָהן אַ פּאָטער און אָהן אַ מוטער, בעת ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל; די שטאָט־לייט האָבן אויף אים רחמנות געקראָגן און האָבן אים אָפּגעגעבן אין חדר, אָבער „ער פלעגט אַנטלויפן פונם חדר, און אַז מען האָט אים געזוכט, פלעגט מען אים געפונען, ווי ער זיצט איינער אַליין אין וואַלד". אַז זייִנע אָפּגע־קונעם האָבן געזעהן, אַז זיי קאָנען מיט אַזאַ „ווילדער בריאה" גאָר נישט מאַכן, האָבן זיי זיך מיאש געווען און אים געלאָזט צורוה. און אַזוי האָט זיך דאָס קינד „אויפגעהאָדעוועט אָהן תורה און אָהן דרך־ארץ". ער איז דערנאָך געוואָרן אַ באַהעלפער. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס „ער האָט די דרדקי־קינדער געפירט אין חדר, און דערנאָך אויך אין שול אַריין, כדי זיי זאָלן זאָגן בנעימותדיג: אמן יהא שמיה רבא, קדשה און אמן". גייענדיג מיט די קינדער אין שול אַריין, פלעגט ער „מיט זיי זינגען מיט אַ זיס קול און מיט גרויס חשק, אַזוי אַז מען פלעגט הערן פון דערווייטן".

פאַר מייִנע אויגן שטייט אָט וואָס פאַר אַ בילד: אַ קליין ייִנגל פון דעם אָרימען טייל פון דער באַפעלקערונג גייט איבער די גאַסן פון שטאָט בראש פון א מחנה קינדער און זינגט מיט אַ קינדערשן ברען: „יהא שמיה רבא מברך". און אַלע קינדער ענטפערן אים אויפן קול. און די שטאָט־לייט שטייען און קוקן, שטייען און וואונדערן זיך, שטייען און טראַכטן וועגן תשובה און חרטה... אָט דאָס זייִנען די יסודות פונם חסידיזם. דאָ צייכענען זיך אָפּ די דיגע און איידעלע שטריכן אין דעם פרצוף פון יענעם, פון וועמען עס האָט געזאָלט אַרויסקומען דער בעל־שם.

איינע פון די חסידישע ספורי־מעשיות דערציילט, אַז די שטים פון דעם אומשולדיגן קינד האָט זיך אַרויפגעהויבן אין דער הויך, האָט גע־

שפּאַלטן דעם הימל און גורם געווען דערצו, אַז מען האָט דאָרטן אין די העכערע וועלטן געהאַט דערפון פונקט אַזאַ תענוג, „ווי פון דעם זמר, וואָס די לוים פלעגן זינגען אינם בית־המקדש". אַז ישראל איז אַלט געוואָרן דרייצען יאָר, איז ער געוואָרן אַ שומר אין בית־המדרש. אין דער מיט פון אַ רבנישער און לומדישער סביבה האָט ער אין אַ משך פון אַ געוויסער צייט געקאָנט זעהן און הערן אַליץ, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן צווישן דעם לומדישן יידנטום. ער האָט זיך צוגעהערט צו די פּאַרשיי־דענע „פּלפּולים" און „חלוקים", די יסודות פון דעם דאָזיגן יידנטום, און האָט זיך צוגעקוקט צו דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון די „לומדים". די לעגענדע דערציילט, אַז שוין אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו פילן, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג, דאָס אמתע, פשוטע יידנטום, וואָס גייט אַרוים פון הארצן.

אַזוי זיינען אַוועק אַ סך יאָרן אין פּאַרשיידענע אַרבעטן און אין פּאַרשיידענע ערטער. און אומעטום וואו ער האָט זיך אַ קער געטאָן, און אומעטום וואו ער איז געקומען, האָט ער נישט געקאָנט געפינען קיין רוה פּאַר זיין נשמה. און ער איז אַוועק פון דער שטאָט און פון די מענשן. ווייט פון די פאַרחושכטע בית־המדרש־ווענט, ווייט פון דעם גאַנצן רבנישן טומל, האָט ישראל אַרומגעבלאָנקעט אין פעלדער און וועלדער, אין בערג און טאָלן. און דאָ אונטער דעם בלויען הימל־געצעלט, אין דער מיט פון דער ברייטער נאַטור, האָט זיך אים אַנט־פּלעקט דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט, דער גאָט פון די נביאים און מקובלים, דער גאָט פונם פאָלק ישראל. אָט אַזוי זיינען אַריבער זיבן יאָר פון אָפּגעזונדערקייט און אַליין זיין, פון פאַרטיפונג און טראַכטעניש, ביז עס איז געקומען די צייט, ווען ער האָט זיך געדאַרפט באַווייזן פּאַר דער וועלט.

עס האָבן זיך פּאַרענדיגט די זעקס און דרייסיג יאָר, אין וואָסערער צייט ער האָט געדאַרפט בלייבן אַ נסתר, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ בת־קול: קום און קער זיך אום צו דיינע ברידער, כדי דו זאָלסט זיי ווייזן דעם וועג, וואָס פירט צו גאָט. די שעה איז שוין געקומען. און ער האָט געפאָלגט דער דאָזיגער שטים און האָט זיך אומגעקערט צו זיין פאָלק *). ער האָט עס געפונען צעמישט און פאַרטומלט. די בית־

*) שבחי הבעש"ט, ז. 8.

המדרש-ווענט זיינען געווען אָפּגעבלאַקירט און טונקל מחמת אַלטקייט... דאַן האָט ער אויסגעשריען זיין גרויסן אויסרוף: „ווי געשריען, די וועלט איז פול מיט וואונדערליכע און שרעקליכע סודות און פּאַסירונגען, און די קליינע האַנט פאַרשטעלט די אויגן און לאָזט זיי נישט זעהן די גרויסע ליכטיגקייט“. און ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט דעם עולם, ווי אַזוי מען דאַרף קומען צו דער דערקענטעניש פון גאָט. אַ סך האָבן פאַרלאָזט די בית-המדרש-בענק, האָבן צוגעמאַכט די גמרות, האָבן אויפגעהערט זיך צו ברעכן דעם קאָפּ איבער פּלפּולים און חלוקים און האָבן זיך געצויגן צו אים, כּדי צו הערן תורה פון זיין מויל. און אַפילו באַוואוסטע רבנים, וואָס דאָ נישט לאַנג האָט זיך זייער גאַנצע יידישקייט געהאַלטן אויף גמרא לערנען און תעניתים, פאַרצאָמונגען און דינים, זיינען געוואָרן זיינע תלמידים. און אויך אַ סך מקובלים פון די אַזוי אָנגערופענע „אנשי מעשה“, די מקובלים פון דער תענית- און סגופים-פּראַקטיק האָבן פאַרלאָזט זייערע צימערן און זייערע פאַרשטויבטע ביכער און האָבן זיך געצויגן צו אים, כּדי צו הערן תורה פון זיין מויל. און די דאָזיגע תורה איז נישט געווען קיין נייע. דאָס איז געווען די אַלטע תורה פון די נביאים, די אגדתות, דער קבלה, די פּשוטע און אָהן חכמותדיגע תורה פון איבערגעבנקייט צו גאָט ביז צום פולקאָמען אויסטון זיך פון זיך אַליין, די תורה פון ליבשאַפט און געפיל, וואָס איז דורך אים באַנייט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ תורה שבעל פה.

דער בעל-שם האָט פיינט געהאַט די טויטע אותיות. ער האָט אויסגעקליבן די הויכע געדאַנקען, וואָס זיינען געלעגן באַגראָבן צווישן גאַנצע הויפנס פון טויטע אותיות, האָט זיי איבערגעצויגן מיט פלייש און אָדערן, האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן אַ שטאַרק לעבן און האָט זיי געבראַכט צום פאָלק, צו דער מאַסע פון פאָלק. ער איז אַרומגעפאָרן און האָט געדרשנט אין דערפער און שטעט, אין מאַרק און גאַסן. אַלע די הויכע רעיונות און הייליגע ווערטער, וואָס נאָר אויסדערוויילטע מענשן, יחידי-סגולה, האָבן זיך ביז אַהער אין זיי גענויטיגט, האָט ער איצט פאַרגעלייגט פאַרן פאָלק, אין דעם לשון פון פאָלק, צוגעבנדיג זיי מער טעם דורך פאַרשיידענע מעשיות פונם פּשוטן טאָג-טעגליכן לעבן. אָט קומט ער אויפן מאַרק און טרעפט פאַרהאַוועטע יידן. זיי האָבן פאַרגעסן אָן גאָט און אָן זייער יידישקייט. ער הויבט מיט זיי אָן צו שמועסן מכּח גאָט

און זיינע וואונדער, מכּח דעם מענשן און זיינע מדות, מכּח דעם גייסטיגן באַהעפט צווישן דעם מענשן און גאָט. דער שמועס ווערט געפירט אויף אַזאַ פּשוטן אופן, אַז איטליכער איינציגער פון די דאָזיגע פאַר־האַוועטע יידן קאָן אים פאַרשטיין. און באַלד טאַקע ווערט אַרום אים אַ רעדל: „אָט איז דער בעל־שם". ער שטייט אין דער מיט און גיט זיי אַ משל פון זאַכן, וואָס זיינען זיי נאָהענט, פון פערד, קעלבער, תבואה און פאַרשיידענע סחורות. ער זאָגט, אַז „אין יעטוועדער זאַך איז פאַראַן גאָט, זיינען פאַראַן נשמות און וועלטן". ער טרייסט זיי: „גאָט וויל, מען זאָל אים דינען אויף אַלע אופנים"; מען קאָן זיך באַהעפטן מיט גאָט דורך איטליך וואָרט: „עס מוז נישט זיין דוקא אַ וואָרט פון תורה אָדער דאַוונען, עס קאָן זיין אַ וואָרט, וואָס מען זאָגט אַרויס, רעדנדיג מיט דעם צווייטן אויפן מאַרק". און די מאַרק־לייט קערן זיך אום אַהיים צופרידענע. זיי, די פאַרלאָזענע, די מאַרק־לייט, פורמאַנעס, זיינען נישט פאַרפאַלן — אַזוי האָט זיי געזאָגט דער בעל־שם. און דאָס פאָלק האָט אינם בעל־שם געגלויבט און אים געהאַלטן פאַר אַ הייליגן, פאַר אַ „העכערן מענשן", פאַר אַ צדיק.

אָט אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ מיטלפונקט פאַר טויזנטער מענשן. און מען האָט אָנגעהויבן וועגן אים צו דערציילן פאַרשיידענע מעשיות און לעגענדעס. דער פאָטער האָט זיי דערציילט דעם זון, און די מוטער דער טאָכטער, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו אַזוינע מענשן, וואָס האָבן זיך געפונען גאַנץ ווייט, און האָבן צערודערט די הערצער. און אינם פאָלק האָט מען אָנגעהויבן צו מורמלען: „עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער אויסלייזער, אַ נייער גואל פאַר יידישקייט".

אַנדערע דערציילן, אַז דעם בעל־שמס נשמה „איז געוועזן פון יענע נשמות, וואָס זיינען נאָך פאַר דעם חטא פון אדם הראשון אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און אַנטלאָפן, כּדי נישט צו פאַרזוכן פונם עץ הדעת". אַנדערע ווידער דערציילן, אַז זיין נשמה איז אַ גלגול פון חנוכס נשמה, און ווידער אַנדערע, אַז דעם בעל־שמס גוף באַשטייט פון גאָר אַ באַזונדערער מאַטעריע, אַ רוחניותדיגער מאַטעריע, און „בעת ער פלעגט נעמען אין זיין הייליג מויל אַ ביסן פון וואָסער ס'ניט איז מאַכל, פלעגט זיך אַראָפּ־לאָזן אַ פייער פון הימל און עס אַרויפטראָגן אין דער הויך" *). נאָך

*) מגיד דבריו ליעקב בהקדמה.

אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דעם בעל־שםס רבי איז געווען אחיה השלוני, „וואָס האָט מקבל געווען די תורה פון משה רבינו אַליין, איז אַרויס־געגאַנגען פון מצרים, איז דערנאָך געזעסן אין דוד המלכס בית־דין און איז געווען דער רבי פון אליהו הנביא" *). עס האָבן זיך געפונען אויך אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אויך „אויבן" לערנט מען דעם בעל־שםס תורה און אַז „איטליכן שבת נאָך מיטאָג אַנטפּלעקט דער בעל־שם חדושים און נייע סודות התורה אין דער ישיבה של מעלה און דרשנט זיי ביים שלוש־סעודות פאַר דעם עולם". און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן פלעגט מען פון אים דערציילן: דאָ האָט ער געשפּרייזט אויף זיין גאַרטל איבערן דניעסטער, דאָ האָט ער אויסגעהיילט קראַנקע, וואָס האָבן שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן; דאָ האָט ער אויסגעפּועלט קינדער פאַר עקרות און דאָ האָט ער אַפילו פון טויט לעבעדיג געמאַכט.

דאָס אַלץ האָט ער דערגרייכט בלויז דורך אמונה און תפלה: „אַז פאַר אים זיינען אָפן געווען אַלע זאַכן, וואָס שטיין ברומו של עולם — דערציילט מען פונם בעל־שם — האָט ער עס דערגרייכט נישט דורכ־דעם, וואָס ער זאָל האָבן געלערנט אַ סך גמרא און פוסקים, נאָר דער־מיט, וואָס ער האָט געדאַוונט מיט גרויס כונה און גרויס התלהבות". איינער פון זיינע תלמידים, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט געזאָגט: „גאָטס וואָרט איז געלעגן אין בעל־שםס האַנט, און אַז ער האָט עפּעס גוזר געווען, פלעגט ער עס אויך מקיים זיין. עס איז נישט געווען קיין צווייטער צו אים, און אַ חוץ די חכמים פון פאַרצייטן, האָט זיך קיינער צו אים ניט געקאָנט גלייכן, לא קם כמוהו, און ווער וועט זיך צו אים קאָנען גלייכן" **). און אַן אַנדערער תלמיד, אַ באַוואוסטער רב, האָט עדות געזאָגט אויפן בעל־שם, אַז „עס איז נישט געווען קיין שום סוד אויף דער וועלט, וואָס זאָל פאַר אים נישט שטיין אָפן". אַרום זיין נאָמען האָבן זיך אָנגעהויבן צו וועבן וואונדערליכע מעשיות און לעגענדעס. חסידים זאָגן: דורך איטליכער מעשה מכח דעם בעל־שם געוויינסטו זיך צו צו ענינים שברוחניות.

---

*) „תולדות יעקב־יוסף", פרשה בלק; צפנת פענח וארא.

**) „פרי הארץ", מכתבים.

אין פעלדער און טאָלן, אויף הויכע און גרויסע בערג האָט דער בעל־שם געפונען דעם גאָט פון דער נאַטור, דעם גאָט פון דעם גאַנצן ממשותדיגן לעבן, דעם גאָט פון יחידות, פון אַליינקייט. גאָט איז דער אָרט פון דער וועלט, און די וועלט איז דער אָרט פון גאָט. אודאי „באַהאַלט ער זיך הינטער אַזוי און אַזוי פיל מחיצות און אייזערנע מויערן, אָבער מענשן מיט שכל ווייסן, אַז אַלע מחיצות און אייזערנע מויערן, אַלע שלייערס און באַדעקונגען האָבן אַן איינגען שייכות צום אינעווייניגסטן מהות פון גאָט, וואָרום עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין אָרט, וואָס זאָל זיין ליידיג פון אים“. „אַלץ ווערט באַשאַפן און געבאָרן כביכול פון גאָטס מהות, פונקט אַזוי ווי אָט די דאָזיגע שילדקרויט און איר באַדעקונג זיינען איין זאַך“.

דער בעל־שם באַטראַכט די גאַנצע בריאה און זעהט אומעטום דעם איין איינציגן גאָט, ווער ס׳מאַכט פון דער גאַנצער ממשותדיגער וועלט איין איינציגע זאַך. „אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויבן און אונטן איז איין איינציגע זאַך“, און „אַזוי אַרום קוקסטו אויף גאָט ברוך הוא און גאָט ברוך הוא קוקט אויף דיר“. דער בעל־שם, וואָס האָט די געטליכקייט אומעטום געפונען, — „אין איטליכער זאַך זיינען פאַראַן וועלטן, נשמות און גאָט“, אין איטליכער זאַך „איז דאָ אַן אינעווייניגסט געטליך לעבן“, ער, וואָס האָט דעם פסוק פונם 94־טן קאַפּיטל אין תהילים אויסגעטייטשט בזה הלשון: „וואָרום גיב נאָר אַ קוק אויף דיינע שונאים, גאָט, — וואָרום אַפילו אין דיינע שונאים, ד. ה. דעם שטן און יצר־הרע, איז דאָך אויך נאָר גאָט אַליין“, וואָרום „אַפילו בעת אַ מענש טוט אַן עבירה, רוהט נאָך אויף אים די שכינה“ — ער האָט אין דער אייגענער צייט געפונען, אַז מען מוז דינען גאָט אויף אַלע אופנים. און דאָס אַלץ, „כדי צו פאַראייניגן דורך זיינע געדאַנקען, זיינע רייד און זיינע מעשים אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, און דאָס אַלץ מוז געטאָן ווערן נאָר אין גאָטס נאָמען אין אמת און אין פשטות, וואָרום קיין זאַך פון דער וועלט שטייט ניט מחוץ פון גאָטס אחדות און פאַראייניגטקייט. און ווער עס טוט עפּעס אַ זאַך נישט אין גאָטס נאָמען, יענער זונדערט אָפּ די דאָזיגע זאַך פון דער אחדות הבורא“ *).

---

*) כתר שם טב.

דער גאָט פונם בעל־שם — דאָס איז דער גאָט פון די נביאים; ער נויטיגט זיך ניט אין קרבנות, תעניתים און סגופים. ער פאַרלאַנגט נישט פון דעם מענטשן, ער זאָל פאַרמינערן זיין לעבנס־שטייגער. „דער מענטש איז מחויב אָפּצוהיטן זיין געזונט — זאָגט דער בעל־שם — וואָרום אַז זיין גוף איז קראַנק, איז אויך זיין נשמה שוואַך“, און אַמאָל איז גענוג „גאָט צו דינען בלויז מיט דער נשמה אַליין, ד. ה. מיט די געדאַנקען, און דער גוף קאָן זיך בשעת מעשה בלייבן אויף זיין אָרט, כדי ער זאָל נישט פאַרשוואַכט ווערן דורך אַ צו שטאַרקער באַנוצונג“. און דעם בעל־שמס גאָט פאַרלאַנגט אויך נישט, מען זאָל צו פיל מקפיד זיין: „מען זאָל נישט צו פיל מקפיד זיין אין אַליץ, וואָס מען טוט“. ער פאַרלאַנגט פונם מענטשן, אַז אַליץ, וואָס ער טוט, זאָל ער טון מיט פרייד: „מען זאָל זיך שטענדיג משמח זיין“, וואָרום אומעט איז זעהר אַ מיאוסע מדה און „אויב ער האָט אַפילו געטאָן אַן עבירה, זאָל ער זיך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ און נישט צו טיף פאַרזינקען אין עצבות“.

און דער בעל־שם האָט דורכגעבראָכן די פאַרצאָמונגען פון די רבנים, וואָס האָבן צוגעבונדן דאָס דאַווענען צו באַשטימטע צייטן און עס באַגרענעצט מיט התראות און באַפעלן: „דאָס מוזטו טון און דאָס טאָרסטו נישט טון, דאָ מעגסטו דאַווענען און דאָ טאָרסטו נישט דאַווענען“. דער בעל־שם, וואָס האָט ליב געהאַט די פרייקייט און געשפּירט די שיינקייט פון דער פרייקייט, האָט אויך דאָס דאַווענען באַפרייט. „גאָט וויל, אַז מען זאָל אים דינען אויף אַלע אופנים“, מען מעג עסן און טרינקען, שמועסן און אַרויסגיין — און מען זאָל זיך משמח זיין מיט גאָט „וחי בהם“. דער עיקר איז די כונה, דער ריינער געדאַנק. אויב זיין געדאַנק איז ריין און זיין כונה איז נושא חן ביי גאָט, איז די שכינה מיט אים אומעטום. און דעמאָלט באַדאַרף ער נישט קיין פעסטן אָרט, קיין שול צום דאַווענען: אויך צווישן די בוימער פון וואַלד און צווישן די זאַנגען פונם קאָרן מעג דער מענטש דאַווענען, און זיין תפלה וועט דערהערט ווערן. די תפלה, וואָס איז „אַ גליד פון דער שכינה“, וואָס „באַרירט זיך בביכול מיט גאָט“ — די דאָזיגע תפלה מוז נאָר זיין אַ גייסטיגע. אַ מענטש מוז שטענדיג מתפלל זיין נאָר מכח „דעם גלות פון די דריי טיילן פון זיין נשמה, און אַז די שליטה פונם יצר־הרע זאָל אויפהערן“. ער טאָר אָבער קיינמאָל ניט מתפלל זיין וועגן זיין אייגענעם גשמיותדיגן נוצן, וואָרום

„דורכדעם, וואָס ער לאָזט אַריין די גשמיות אין רוחניות, איז ער גורם דערצו, אַז עס ווערט באַשאַפן אַ שלייער, וואָס צעשיידט". און פונקט אַזוי ווי ער איז מתפלל פאַר זיך, „זאָל ער מתפלל זיין פאַר זיינע פיינט" *).

לויט אַלעם דעם, וואָס מיר לייענען און הערן מכּח דעם בעל־שם, מוזן מיר זיך אים פאָרשטעלן אָט אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט: אַ געזונטער און פרייליכער מענש, וואָס גייט אָפּט שפּאַצירן, האָט ליב צו שמועסן און געפינט אַרויס אין איטליכער זאַך אַ גייסטיגן תּוך; ער האָט ליב דעם וואַלד און דאָס פעלד, די ריינע און קלאָרע לופט. און אַז ער טרעפט אַמאָל קופּקעלאַך יידן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, קרומע רוקנס און פאַרחושכטע פּנימער, ווענדט ער זיך צו זיי מיט זיין שאלה: „וואָס זייט איר עפּעס אַזוי פאַראומערט, וואָס האַלט איר אַראָפּגעלאָזט אייערע קעפּ". — „מיר האָבן נישט געדאַוונט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיר האָבן נישט געלערנט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. און בכּלל, וואָס זייען מיר, משטיינס געזאָגט, און וואָס איז אונזער לעבן? מיר האָבן נישט דערפילט אַפילו אַ קליינעם טייל פון אונזער חוב בנוגע צו גאָט ברוך הוא".— „לאָזט געמאַך, — ענטפערט זיי דער בעל־שם מיט זיין ליבליכער שטים — טרויער איז אַ מין יצר־הרע. אויב איר האָט נישט גענוג געלערנט — נו, מילא, לערנען איז נישט דער עיקר; אויב איר האָט נישט געדאַוונט כּדבעי, טאָ גלויבט זשע מיר, אַז ווען אַ ייד גייט אַלע טאָג אויפן מאַרק און אין אָוונט־צייט ווערט ער אַ פאַרציטערטער און זאָגט, ווי איז מיר, איך וועל פאַרשפּעטיגן מנחה, און גייט דערנאָך ערגעץ וואו אַריין און דאַוונט מנחה, נישט פאַרשטייענדיג דעם פּירוש המלות — ציטערן פאַר אים אַפילו שׂרפים און מלאכים **). ניין, דער עיקר איז די כּונה, די ריינקייט פונם האַרצן און פונם געדאַנק. און דערפאַר מאַכט אַ סוף צו אייער עגמת־נפש, דער מענש מוז שטענדיג זיין פרייליך, ער מוז שטענדיג זיין אַ שׂמח בחלקו".

דער בעל־שם — הערן מיר פון אַ חסידישער לעגענדע — האָט אַמאָל זיינע תּלמידים דערציילט אָט וואָס פאַר אַ מעשׂה:

---

*) צוואת הריבש: כּתר שם טוב; תּולדות יעקב־יוסף, פּרשה ויחי.
**) שבחי הבעש"ט, ז. 46.

אַ לַמדן און אַ פּשוטער יידישער אַרבעטער האָבן געוואוינט אין איין הויז. אַלע טאָג פלעגן זיי ביידע אויפשטיין באַגינען. דער לַמדן איז געגאַנגען אין בית־המדרש, און דער אַרבעטער צו זיין שווערער אַרבעט. שעהנווייז פלעגט דער לַמדן אָפּזיצן אין בית־המדרש, לערנענדיג די הייליגע ספרים און דאַווענדיג ביז צום מיטאָג; דערנאָך פלעגט ער אַוועק־גיין אַהיים אַ צופרידענער מיט זיך, וואָס ער האָט דערפילט זיין חוב בנוגע גאָט. אויפן וועג פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט זיין שכן, וואָס פלעגט אויך גיין אַהיים, אַ פאַרמאַטערטער פון זיין שווערער פּראַצע, און ערשט איצט פלעגט ער זיך קאָנען אַריינכאַפּן אין בית־המדרש אַריין, כדי אָפּצודאַווענען שחרית. דער תּלמיד־חכם פלעגט אויף אים אַראָפּקוקן מיט בטול, טראַכטנדיג בשעת מעשה וועגן דעם גרויסן חלוק צווישן אים און דעם אַרבעטער: ער, דער תּלמיד־חכם, האָט היינט אַזוי פיל געלערנט אין די הייליגע ספרים און אַזוי פיל געדאַוונט, און אָט דער דאָזיגער אָדם מן השוק איז ביז איצט פאַרנומען געווען מיט גראָבער אַרבעט און קאָן ערשט איצט, אין דער מיטאָג־שעה, אויף גיך אָפּדאַווענען שחרית. דער פּועל אָבער פלעגט אָפּזיפצן אַ דערשראָקענער, דערזעהענדיג זיין שכן, דעם לַמדן, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אין איין צייט מיט אים פון דער היים און איז ביז אַהער פאַרטון געווען אין הייליגע ענינים, בשעת ער, דער פּועל, האָט געמוזט האָרעווען ביי זיין אַרבעט. אַזוי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען וואָכן, חדשים, יאָרן. דער תּלמיד־חכם איז געשטאָרבן, און תּיכף נאָך אים איז אויך געשטאָרבן דער אַרבעטער. דעם ערשטן האָט מען גערופן אין בית־דין של מעלה: „מיט וואָס האָסטו זיך מתעסק געווען דיין גאַנץ לעבן“ — האָט מען אים געפרעגט. „איך — האָט געענטפערט דער תּלמיד־חכם אַ צופרידענער מיט זיך — האָב פאַרבראַכט מיין גאַנץ לעבן אין גמרא־לערנען און דאַווענען. איך האָב מקים געווען אַלע מצוות אין אַלע זייערע פּרטים. בקיצור, איך בין עוסק געווען אין תּורה און תּפלה און האָב מדקדק געווען במצוות“. דאָ האָט זיך דער קטיגור אָפּגערופן: „ער האָט מבטל געווען זיין שכן, דעם אַרבעטער, וואָס האָט נישט קיין צייט געהאַט צו דאַווענען און נישט פאַרמאָגט די ידיעות, וואָס זיינען נויטיג צום תּורה־לערנען“. מען האָט געבראַכט אַ וואָגשאָל. אויף איין וואָגשאָל האָט מען אַוועקגעלייגט זיין גמרא־לערנען און זיין דאַווענען, און אויף דער אַנדערער שאָל זיין בטול צום אַרבעטער. און וואָס איז געווען? דער

בטול האָט אַריבערגעוואויגן, און אַ בת-קול האָט זיך געלאָזט הערן: „דעם תלמיד-חכם קומט נישט קיין גן-עדן". דערנאָך האָט מען גע-בראַכט צו פירן דעם אַרבעטער: „וואָס האָסטו געטאָן, בשעת דו האָסט געלעבט?" — האָט מען אים געפרעגט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער געענטפערט: „מיין גאַנץ לעבן האָב איך געהאָרעוועט אָהן אַן אויפהער, מיט ביטערן שוויים האָב איך געמוזט זאָרגן וועגן פרנסה פאַרן ווייב און קינד, איך האָב דערפאַר נישט געהאַט קיין צייט צו דאַוונען".
דער סניגור האָט דערביי באַמערקט: „ער האָט אָבער געקוקט אויף זיין שכן, דעם תלמיד-חכם, מיט יראת הכבוד און זיפצנדיג". און וואָס איז געוועזן? עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ בת-קול, מען זאָל דעם אַרבעטער תיכּף אַריינפירן אין גן-עדן אַריין.

דעם בעל-שם האָט מען אַמאָל געפרעגט: „אין וואָס באַשטייט דער עצם דאַוונען, די עבודת הבורא? מיר האָבן דאָך אַ קימא-לן פון אונזערע עלטערן, אַז פרומע גאָטספאָרכטיגע לייט פלעגן זיך פאַרצייטן פייניגן משבת לשבת, און איר זענט מבטל די גאַנצע זאַך, זאָגנדיג, אַז איט-ליכער, ווער עס פאַסט, וועט מוזן אָפּגעבן דין וחשבון, וואָרום דער, וואָס פאַסט און פייניגט זיין נשמה, איז אַ זינדיגער; טאָ זאָגט אונז, אין וואָס באַשטייט דער עצם דאַוונען?" און דער בעל-שם האָט דערויף געענטפערט: „איך בין געקומען צו ווייזן אַ וועג, כּדי דער מענש זאָל זיך פלייסן צו באַקומען אָט וואָסערע דריי מדות: ליבשאַפט צו גאָט, ליבשאַפט צום פאָלק ישראל און ליבשאַפט צו דער תורה. אַ נזיר באַדאַרף מען נישט זיין" *).

ב.

דער בעל-שם האָט זיינע ווערטער נישט פאַרשריבן אין אַ ספר. די גרויסע רעליגיעזע מענשן האָבן נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַר-נעמען מיט אַזוינע זאַכן. „גאָטס גייסט רעדט אין זיי, זיין וואָרט איז אויף זייער צונג". עס זיינען פאַראַן אויך נישט ווייניג נביאים, וואָס האָבן זייערע רייד נישט פאַרשריבן ביי זייער לעבן. דעם בעל-שמס

*) בוצינא דנהורא.

תורה איז ערשט שפּעטער געזאַמלט און געבראַכט געוואָרן אין אַ באַשטימטן סדר פון זיינע תלמידים און פון די תלמידים׳ס תלמידים. אינם יאָר 1750 האָט דער בעל־שם געשריבן אַ בריוו צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון, ווער ס׳האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. דער דאָזיגער בריוו האָט אין יענער צייט אויפגערודערט די גאַנצע חסידישע וועלט. עס האָבן זיך געפונען אַזוינע צדיקים, וואָס האָבן זיך עס געמאַכט פאַר אַ חוב „צו לערנען דעם דאָזיגן בריוו יעדן טאָג כסדר און מיט דער אייגענער התמדה, ווי מען לייגט, אַשטייגער, תפילין, און זיי האָבן אַרויסגעפונען אין אים פאַרשיידענע נעמען פון גאָט, דורך וואָס מען האָט געקאָנט אויסרעכענען די צייט, ווען משיח וועט קומען". דעם אויבנדערמאָנטן בריוו האָט ער געשיקט דורך זיין תלמיד ר׳ יעקב־יוסף פון פּאָלאָנע, וואָס האָט בדעה געהאַט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, און „ער (דער בריוו) איז געבליבן ביי אונז, כדי ער זאָל זיין אַ מורה־דרך פאַר אונזער פאָלק, די בני אברהם, יצחק ויעקב".

אין דעם דאָזיגן בריוו, וואָס מען קאָן אָנרופן דעם „מאַניפעסט" פון חסידות, שרייבט ער בזה הלשון:

„דעם ערשטן טאָג ראש־השנה פונם יאָר תק״ז (1746) האָט זיך מיין נשמה אַ הויב געטאָן אין דער הויך דורך השבעות און באַשווערונגען פון יענעם מין, וואָס איז דיר באַקאַנט, און איך האָב דערזעהן וואונדערליכע זאַכן, וועלכע איך האָב, צייט איך לעב און זינט איך בין אַ דערוואַקסענער מענש, ניט געזעהן, און דאָס, וואָס איך האָב געזעהן און זיך דערוואוסט, בעת איך האָב זיך אויפגעהויבן, קאָן קיין שום מענשליך לשון נישט אויסדריקן און דערציילן — אין הפה יכול לדבר. בעת איך האָב זיך אָבער אומגעקערט צוריק צום גן־עדן התחתון, האָב איך דערזעהן נשמות פון טויטע און לעבעדיגע אָהן אַ שיעור און אָהן אַן עק, הן באַקאַנטע, הן אומבאַקאַנטע, וואָס זיינען אַרומגעפלויגן אַהין און אַהער פון איין וועלט צו דער אַנדערער אויף יענעם שטראַל, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט, ווער ס׳איז באַהאַוונט אין סתרי תורה; און די פרייד פון די דאָזיגע נשמות איז געווען אַזוי מוראדיג גרויס, אַז נישט דאָס מויל קאָן באַווייזן עס אויסצודערציילן, און נישט דער אויער קאָן באַווייזן עס אויסצוהערן. און אויך אַ סך רשעים און פושעים האָבן תשובה גע־

טאָן, און מען האָט זיי מוחל געווען זייערע זינד, וואָרום עס איז דאָן געווען אַ גרויסע צייט פון גנאָד, אַ מזלדיגע שעה, און אויך פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסער חדוש, וואָס אַזוינע און אַזוינע, וואָס זיינען אויך דיר באַקאַנט, זיינען צוגעלאָזט געוואָרן צו תשובה, און אויך צווישן זיי איז די פרייד געווען זעהר גרויס, און אויך זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך אויף דעם אויבנדערמאָנטן אופן. און זיי אַלע זיינען צוגעשטאַנען צו מיר און האָבן מיך געבעטן: „צוליב דעם כבוד פון דיין תורה האָט דיך גאָט באַשאָנקען מיט קלוגשאַפט און וואויל־לערנען, כדי דו זאָלסט קאָנען תופס זיין און דערקענען אַזוינע זאַכן; מיט אונז אינאיינעם זאָלסטו זיך אויפהויבן אין דער הויך, כדי דו זאָלסט פאַר אונז זיין אַ גוטער בעטער“. און צוליב דער גרויסער פרייד, וואָס איך האָב געזעהן אין זייערע אויגן, האָב איך זיי צוגעזאָגט אויפצוהויבן זיך אין דער הויך מיט זיי אינאיינעם. און אין דער אייגענער צייט האָב איך אויך געזעהן דעם שטן, אויפהויבנדיג זיך אין דער הויך מיט אַ שמחה אָהן אַ ברעג, כדי מקטרג צו זיין; און ער האָט אויך זיין אַרבעט אָפּגעטאָן: אַ סך יידישע נשמות האָט מען דן געווען למיתה, און טאַקע למיתה משונה. און עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויס פחד און אַ גרויס ציטערניש, און איך האָב אויף אַן אמת אָפּגעגעבן מיין נשמה און האָב געבעטן מיין רבין, ער זאָל מיך באַגלייטן, וואָרום עס איז אַ גרויסע סכנה אויפצוהויבן זיך אין די עולמות־העליונים, וואָרום זינט איך געדיינק מיך, האָב איך אַזוינע עליות ניט געמאַכט; און אַזוי אַרום האָב איך זיך געהויבן פון מדרגה צו מדרגה, ביז איך בין אַריינגעקומען אינם היכל המשיח, דאָרטן וואו משיח לערנט תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים און אויך מיט די זיבן פאַסטוכער *). און איך האָב דאָרט דערזעהן אַ שמחה אָהן אַ ברעג און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס די דאָזיגע שמחה באַטייט, און האָב שוין געמיינט, אַז עס איז חס ושלום צוליב דעם, וואָס איך גיי אַוועק פון דער וועלט. אָבער שפּעטער האָט מען מיך געלאָזט וויסן, אַז איך בין נאָך גאָרנישט געשטאָרבן, און אַז אויבן פרייט מען זיך, ווען איך בין מיחד יחודים דורך דער הייליגער תורה, פונדעסטוועגן אָבער איז מיר דער תמצית פון יענער שמחה נאָך נישט קלאָר געוואָרן ביז דעם היינטיגן טאָג. און

*) אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, דוד און שלמה.

איך האָב געפּרעגט משיחן: „ווען וועט ער קומען", און ער האָט מיר געענטפערט בזה הלשון: „אָט האָסטו אַ סימן: ווען דיין תורה וועט פאַרשפּרייט ווערן און דו וועסט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער וועלט, און דיינע קוואַלן — אַלץ, וואָס איך האָב מיט דיר געלערנט און דו האָסט תופס געווען, וועלן זיך אויסגיסן כּלפּי חוץ, צום דרויסן צו, אַזוי אַז אויך זיי וועלן זיין בּכח מיחד צו זיין יחודים און נתעלה ווערן פּונקט אַזוי ווי דו — דאַן וועט צעשטערט ווערן די קליפּה, די בייזע מאַכט און עס וועט אָנקומען אַ צייט פון גנאָד, אַ צייט פון ישועות און נחמות". און איך האָב זיך זעהר דערשראָקן, וואָס עס באַדאַרף אַזוי לאַנג געדויערן, ביז דאָס אַלץ זאָל קאָנען מקוים ווערן. אָבער צווישן אַלעם דעם, וואָס איך האָב דאָרטן געלערנט, זיינען פאַראַן דריי באַזונדערע ווערטער, דריי הייליגע נעמען פון גאָט, וואָס עס איז זעהר גרינג אויסצולערנען און צו דערקלערן. און דאַן בין איך ווידער געקומען צו זיך און האָב געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, אפשר וועלן דורך זיי אויך די מענשן פון מיין דור קאָנען דערגרייכן פּונקט אַזאַ מדרגה און אַזאַ בּחינה ווי איך. אפשר וועלן זיי אויך קאָנען הויבן זייערע נשמות אין דער הויך און לערנען און תופס זיין פּונקט אַזוי ווי איך... אָבער איך האָב זיי נישט געטאָרט אַנטפּלעקן פאַר קיין שום מענשן אויף דער וועלט, אפילו פאַר דיר אויך נישט, הגם איך האָב פון דיינעטוועגן געבעטן און איך קאָן דערפון נישט אָפּטרעטן. אָבער דאָס זאָג איך דיר, און גאָט זאָל דיר העלפן, און דיין וועג זאָל ליגן אָפן פאַר גאָט און טרעט נישט דערפון אָפּ, באַזונדער אין ארץ־ישראל: בעת דו דאַוונסט און לערנסט, אין איטליכן שמועס, אין איטליכן וואָרט זאָלסטו עס האָבן אין זינען, וואָרום אין איטליכן אות זיינען פאַראַן וועלטן, נשמות און די שכינה, און זיי הויבן זיך אויף אין דער הויך און באַהעפטן זיך מיט אַנאַנד, און דערנאָך באַהעפטן זיך די אותיות און פון זיי ווערט אַ וואָרט און זיי באַהעפטן זיך אין אַ וואָרער אחדות אין דער שכינה. און דיין נשמה זאָל זיין מיט זיי אויף איטליכער פון די דאָזיגע מדרגות. דעמאָלט פאַראייניגן זיך אַלע וועלטן אינאיינעם, ווערן נתעלה און עס ווערט געבאָרן אַ שמחה אָהן אַ ברעג, אַזוי ווי די פרייד פון דעם חתן און דער כּלה, אויף דער אונטערשטער וועלט און נאָך אַזוינע פריידן פון דער אייגענער הויכער

מדרגה. און גאָט וועט דיר בודאי העלפֿן, און וואו דו וועסט זיך נישט קערן, זאָלסטו מצליח זיין. זאָל דער חכם האָבן הצלחה און זאָל זיך מערן זיין חכמה!" *).

דער דאָזיגער בריוו פֿונם בעל־שם באַווייזט, ווי שטאַרק ער האָט געגלויבט אין זיין אייגענעם כח, דעם כח אויפֿצוטון עפּעס גרויס און אויסטערלישס, און ווי שטאַרק ער האָט אויך געגלויבט אין זיין אייגענער שטה, וואָס פֿון איר האָט זיך לויט זיין מיינונג געווענדט דער גאַנצער גורל און די גאַנצע צוקונפֿט פֿונם יידישן פֿאָלק, און וואָס איר פֿאַרשפּרייטונג האָט געקאָנט ברייגען די גאולה און משיחן. דער בעל־שם האָט געגלויבט אין ז י י ן שטה, פּונקט אַזוי, ווי די מקובלים פֿ אַ ר אים האָבן געגלויבט אין דעם, אַז „בלויז די מצוה פֿון לערנען זוהר איז שוין ביכולת אַראָפּצונעמען פֿון אונז דעם יאָך פֿון גלות"... און דערפֿאַר טאַקע האָבן די חכמים געזאָגט, „אויב זיי פֿאַרדינען עס, וועל איך עס מקרב זיין", וואָרום דורכדעם וועט דאָס פֿאָלק ישראל אויסגעלייזט ווערן, און די פֿרייקייט וועט אויסגערופֿן ווערן אין דער גאַנצער מדינה אַרום און אַרום, אַז אַלע מענשן זאָלן זיין פֿריי און גליקליך אָהן אַ שעור".

בודאי האָט דער בעל־שם פֿאַרשטאַנען, אַז זיין שטה וועט ניט אַזוי גרינג און גיך פֿאַרשפּרייט ווערן, און אַז „זיינע קוואַלן" וועלן נישט אַזוי גיך „זיך אויסגיסן כלפּי חוץ" צום דרויסן צו, אָבער ער האָט זיך נישט מיאש געווען. ער האָט געקאָנט די נשמה פֿון זיין פֿאָלק און האָט געוואוסט, אַז ער האָט פֿאַרוואָרפֿן זיינע אַלטע געטער, זוכנדיג אַ נייעם גאָט. און ער האָט אויך געקענט די נשמה, דעם כאַראַקטער פֿון זיינע תלמידים און זייער פֿעסט גלויבן אין זיינע ווערטער. ער האָט געוואוסט פֿון זיינע תלמידים, אַז זיי זיינען גרייט געווען צו קעמפֿן פֿאַר זיין נייער תורה מיט מסירת נפֿש און אַז סוף כל סוף וועט זיך זיי איינגעבן צו קריגן אויף זיין צד די נשמה פֿון דעם פֿאָלק און משפּיע צו זיין אויף דעם היינטיגן דור און די קומענדיגע דורות; ער האָט געוואוסט, אַז די דאָזיגע השפּעה וועט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער און שטאַרקער ווערן, אַז דער בנין פֿון חסידות וועט באַשטיין אין

---

*) פּורת יוסף און אַנדערע.

אַלע צייטן, און אַז דער חסידישער גייסט וועט ניט אויסגעוועפּט ווערן פון דער פאָלקס־נשמה.

דער בעל־שם איז געשטאָרבן אין יאָר תק״ך (1760). אין דער דאָזיגער רגע, דערציילט די לעגענדע, האָבן זיך אָפּגעשטעלט די ביידע זייגערס אין זיין צימער.

ג.

אינם יאָר 1760 איז געשטאָרבן דער בעל־שם, און אויף זיין אָרט איז געקומען ר׳ בער, אַ באַוואוסטער מקובל און למדן. געבאָרן איז ער געוואָרן אינם יאָר 1710 אין דעם שטעטל לוקאַטש, וואָלינער גובערניע, אַן ערך צען יאָר נאָכדעם, ווי דער בעל־שם איז געבאָרן געוואָרן. זיין פאָטער ר׳ אברהם איז געווען אַן אָרימער מלמד און האָט אַפילו נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן שכר־לימוד פאַר זיין זון, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ גוטן קאָפּ. דער רב פונם שטעטל האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן יינגל, האָט אים אַריינגענומען אין זיין ישיבה און האָט מיט אים אָנגעהויבן צו לערנען תורה. ער האָט געהאַט זעהר אַ גוטע פעולה און איז מצליח געווען אין זיין לערנען. זעהענדיג אַזוינע ידיעות אין דער תלמודישער ליטעראַטור מצד פון אַ יינגל, האָט זיך דער רב נישט געקאָנט אָפּוואונדערן און איז, ווי מען זאָגט עס, אַרויס פון די כלים. סוף כל סוף האָט די קליינע שטעטלשע ישיבה נישט געקאָנט באַפרידיגן זיינע גייסטיגע באַדערפענישן. ער האָט זיך געגוויטיגט אין אַן אַנדער לומדישער סביבה, אין אַנדערע חברים און אין אַ רבין מיט מער חריפות. דער רב האָט עס פאַרשטאַנען און האָט אים אַוועקגעשיקט אין דער לעמבערגער ישיבה. אין דער דאָזיגער גרויסער ישיבה האָט ער געלערנט אונטער דער הנהגה פון דעם גאון ר׳ יעקב־יהושע, פאַרפולקאָמענדיג זיינע תלמודישע ידיעות.

אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער חתונה געהאַט אין דער שטאָט טורשין. ער איז געוואָרן אַ מלמד אין אַ נאָהענטן דאָרף, לערנענדיג תורה מיט יידישע קינדער, ווייל קיין אַנדערע פרנסה האָט ער נישט געקאָנט געפינען. פונקט ווי דער בעל־שם, איז זיין יורש ר׳ בער פריהער באַקאַנט געוואָרן מיט ק י נ ד ע ר פונם פאָלק, איידער מיט

דעם פאָלק גופא; און פונקט ווי דער בעל=שם, איז ר׳ בער שוין אין
די קינדערשע יאָרן שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו דער נאַטור און צום
דאָרפישן לעבן; ווי דער בעל=שם, איז אויך ר׳ בער אַוועקגעגאַנגען
פון דעם גערודער און געפילדער פונם לעבן צו דער דאָרפישער שטיל=
קייט און דעם דאָרפישן אליין=זיין. דאָרטן אויף דעם שויס פון דער
נאַטור האָט זיך ר׳ בער אַריינגעטאָן שטאַרק אין קבלה, און ס׳רוב
אין דער לוריאַנישער קבלה, „קבלת האר״י״. אָט די דאָזיגע לוריאַנישע
קבלה האָט אים צוגעצויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט, און ער האָט זיך איר
איבערגעגעבן מיט לייב און זעל. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פייניגן
און האָט אַ מאָל 7 אָדער 8 געפאַסט נאָכאַנאַנד (איטליכם מאָל
אין אַ משך פון עטליכע טעג). לוריהס תורה, וואָס איז באַשטאַנען אין
דעם, אַז מען מוז „אויסרייסן די וואָרצלען פונם בייז״, כּדי דער יצר=
הרע זאָל נישט קאָנען געפינען קיין אָרט פאַר זיין שליטה, איז געווען
דער יסוד פון זיינע דעמאָלטיגע אָנשטרענגונגען.

אין יענער צייט האָט אין אַ שטילן פאַרוואָרפענעם דאָרף, ערגעץ
וואו אין די קאַרפּאַטישע בערג, געלעבט אויך יענער, ווער ס׳האָט גע=
זאָלט ווערן זיין רבי — ישראל בעל=שם. אָבער דער דאָזיגער האָט שוין
דעמאָלט געפונען זיין גאָט און דערקענט דעם ריכטיגן וועג צו דעם
אופן, ווי אַזוי מען זאָל אים דינען. ער האָט שוין געוואוסט, אַז מען
קאָן „בעסער מאַכן דאָס בייז און דינען גאָט אויך מיט דעם יצר=הרע״
און אַז דאָס פייניגן זיך, די סגופים, דער בטול צו דעם לעבן פונם
גוף פירן דעם מענשן אַראָפּ פון דעם ריכטיגן וועג צום גאָט דינען.

ר׳ בער האָט דעמאָלט געלעבט אין גרויס דחקות. ער האָט אַזוי
ווייניג פאַרדינט, אַז ער האָט נישט געהאַט אויף דער הוצאה פאַר
זיין גרעסער געוואָרענער פאַמיליע. ער האָט אָבער געטראָגן זיין ביטערן
מזל מיט בטחון און פלעגט זיך קיינמאָל נישט קלאָגן פאַר קיינעם.
דאָס ערשטע מאָל, ווען ר׳ בער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן — אַזוי
דערציילט מען — איז געווען בשעת זיין פרוי האָט געוויינט איבער
איר גרויסער נויט. מען דערציילט ווייטער, אַז ער האָט אין יענער רגע
דערהערט אַ בת=קול, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַרלאָרן
זיין חלק עולם=הבא. פריהער האָט ער געהאַט גרויס עגמת=נפש דער=
פון, דערנאָך אָבער האָט ער די זאַך תופס געווען טיפער און האָט

אויסגערופן מיט פרייד: „פון איצט אָן וועל איך דינען גאָט פון ריינעם האַרצן שלא על מנת לקבל פרס". און דאָ האָט זיך געלאָזט הערן אַן אַנדער בת־קול, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט באַקומען צוריק זיין חלק עולם־הבא, אויב נאָר ער וועט נישט זיפצן פון רחמנות צו די קינדער, וואָרום ווער איז נאָך אַזאַ בעל־רחמים ווי השם יתברך אַליין?

ר' בער איז אַוועק פונם דאָרף און איז געוואָרן מלמד אין טורשין. אָבער לאַנג איז ער דאָרט נישט פאַרבליבן, וואָרום מען האָט אים באַלד גערופן פאַר אַ מגיד, תּחילת אין קאָרעץ און דערנאָך אין דובנע. ער פלעגט וואַנדערן דורך אַ סך שטעט אין וואָלין און פּאָדאָליע און דרשענען פון דער בימה אין די בתי־מדרשים. פאַר אַ מענטשן פון זיין שניט און שטייגער, וואָס לעבט מער מיטן געפיל, איידער מיטן שכל, איז מגידות געווען דער פּאַסיגסטער עסק. מיט גרויס התלהבות פלעגט ער דרשענען פון דער בימה פאַר אַ געדיכטן עולם, אויף וועמען זיינע ווערטער פלעגן מאַכן אַ טיפן און שטאַרקן רושם. אין זיינע דרשות איז ער געווען אַן ענו. „בעת איר דרשנט פאַר אַן עדה, פלעגט ער געבן צו פאַרשטיין די מוסר־זאָגערס, זאָלט איר זיך נישט גרויס מאַכן אין די אויגן פונם עולם און נישט זוכן אויסצוגעמען ביי אים, וואָרום דורכדעם וועט איר נאָר מטמא זיין אייערע נפשות". און ער האָט געוואוסט ווי צו דרשענען. ער האָט זיך געהיט אָנצורירן אַ מענטשן, האָט ער געמעגט זיין אַבי ווער. „אַז איר ווילט עמיצן מוסר זאָגן הייגן עפּעס אַן עבירה אָדער אַ זינד, זאָלן זיך אייערע ווערטער נישט ווענדן גלייך צום בעל־דבר גופא, נאָר איר זאָלט דעם חטא, פאַר וואָס ער דאַרף באַשטראָפט ווערן, אַרויפלייגן אויף עמיצן אַ דריטן, כדי נישט מביש צו זיין דעם בעל־עבירהניק. דער דאָזיגער וועט שוין אַליין פאַרשטיין, וועמען מען מיינט. ער וועט שוין פאַרשטיין אייער כוונה, הגם ער גופא וועט דערביי נישט אָנגערירט ווערן" *). פאַר ר' בערן איז די מגידות געווען אַן אמתע גייסטיגע באַפרידיגונג, הגם ער האָט פון איר ווייניג פרנסה געהאַט. דורך איר האָט ער זיך דערנעהענטערט צום פאָלק.

---

*) אור תורה, פרשה אמור.

ד.

דאָס אָפּטע פּאַסטן און דאָס פּייניגן זיך האָבן זיך אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס ר׳ בער איז קראַנק געוואָרן גאָרנישט אויף אַ געלעכטער.

אין יענער צייט האָט די חסידות פונם בעל־שם שוין פאַרכאַפּט אַ פעסטן אָרט אינם פאָלק. אין וואָלינער און פּאָדאָליער קאַנט האָט דער בעל־שם געשמט מיט זיינע מופתים, בפרט אין הלכות דאָקטאָריע, אין היילן קראַנקע. אַלע האָבן דערציילט איינער דעם אַנדערן, וואָס דער בעל־שם האָט געזאָגט קעגן טרויעריגקייט, תעניתים און סגופים. פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ בער האָט דאָס אויך געהערט, אָבער אַזוינע דבורים זיינען אים גישט געפעלן געוואָרן, און אַזאַ פאַרברענטן חסיד פון דער לוריאַנישער קבלה ווי ר׳ בער, האָבן זיי טאַקע נישט געקאָנט געפעלן. אַז זיינע פריינט האָבן אים געראָטן, ער זאָל זיך פּרובן אַ פּאָר טון צו דעם בעל־מופת, דעם בעל־שם, צו פרעגן ביי אים אַן עצה מכּח זיין חולאת, האָט ער זיי תּחילת נישט געוואָלט פאָלגן. אַז זיין קרענק אָבער איז דערגאַנגען ביז צו דער מדרגה פון סכּנות נפשות, האָט ער נישט ווילנדיג געמוזט נאָכגעבן און האָט אָנגעהויבן די נסיעה צום בעל־שם.

אַנדערע ווידער דערציילן, אַז ר׳ בער איז נישט געפאָרן צום בעל־שם פון זיין געזונט וועגן, נאָר כּדי אים אויסצופרעגן מכּח זיין שטוה. ער האָט געמיינט, אַז דער בעל־שם וועט זיך אַריינלאָזן אין אַ הויכן און טיפן שמועס מכּח פראַגן פון תּנ״ך און גמרא, אָבער אָנשטאָט דעם, האָט ער אים דערציילט פאַרשיידענע פּאַסירונגען פון זיין לעבן: אָט למשל, איז ער איינמאָל געפאָרן אין וועג און פּלוצים האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס איז ביי אים אויסגעגאַנגען דאָס ברויט, אַזוי אַז ער האָט אַפילו ניט געהאַט צו געבן דעם פויער, וואָס האָט אים גע־פירט, און ער האָט געמוזט קויפן ברויט ביי אַן אָרימען גוי אויפן וועג; און אָט האָט ער אַן אַנדער מאָל, פאָרנדיג אין וועג, געקויפט האָבער פאַר זיין פערד. הערנדיג אַזוינע נאַרישע מעשיות, איז ר׳ בער אין כּעס געוואָרן און האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. דער בעל־שם האָט געהייסן, מען זאָל אים רופן צוריק, און אַז ער איז ווידער געקומען, האָט ער אים געפרעגט, צי ער איז אַ יודע ספר? ר׳ בער האָט

געענטפערט, אַז יאָ; דערנאָך האָט ער אים געפרעגט, צי ער איז באַ־האַוונט אין קבלה־ספרים, און ער האָט דערויף אויך געענטפערט, אַז יאָ. דער בעל־שם האָט אַראָפּגענומען דעם ספר „עץ חיים" און האָט ר׳ בערן געבעטן, ער זאָל אים מסביר זיין אַן אָרט אינם ספר. ר׳ בער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און האָט דערפילט זיין בקשה, און דער בעל־שם האָט אים געזאָגט: „דו פאַרשטייסט גאָרנישט". ר׳ בער האָט זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט אין דעם דאָזיגן אָרט פונם ספר און האָט געזאָגט: „דעם דאָזיגן אָרט האָב איך ריכטיג איינגעטייטשט; אויב כבוד מעלתו האָט אַן אַנדער פּירוש, בין איך זעהר טשיקאַווע צו הערן". דאַן האָט אים דער בעל־שם געזאָגט: „שטיי אויף". ר׳ בער איז אויפגעשטאַנען. אין דעם דאָזיגן אָרט זיינען דערמאָנט געווען די נעמען פון פאַרשיידענע מלאָכים. און אַז דער בעל־שם, זכרונו לברכה, האָט געלייענט דעם דאָזיגן אָרט, איז דאָס גאַנצע הויז פול געוואָרן מיט אַ שטאַרקער ליכטיגקייט און אַרומגערינגלט געוואָרן פון פלאַמען און מען האָט געזעהן בפועל ממש מלאָכים אַרומשוועבן אינם הויז. דאָ האָט דער בעל־שם געזאָגט: „דעם אמת זאָגנדיג, האָסטו דעם מײַן ריכטיג פאַרשטאַנען, נאָר מער נישט, דו האָסט געלייענט דעם ספר מיט די אויגן און מיטן מויל און דיין נשמה איז דערביי ניט געווען". פון דעמאָלט אָן איז ר׳ בער געבליבן ביים בעל־שם און איז געוואָרן זיינער אַ איבערגעגעבענער תלמיד *).

פון דעם דאָזיגן נייעם תלמיד האָט דער בעל־שם שטאַרק הנאה געהאַט. אפשר האָט ער אים שוין פריהער געהערט דרשענען פון דער בימה און דערקענט אין אים דעם מענשן, וואָס איז אויסדערוויילט געוואָרן צו ווערן זיין יורש און צו שטעלן זיך בראש פון דער יונגער חסידישער באַוועגונג. „שוין כמה יאָרן ווי איך וואַרט אויף אים מיט בייַנקעניש" — האָט דעמאָלט געזאָגט דער בעל־שם. אים איז דער נייער תלמיד זעהר געפעלן געוואָרן, און ער האָט אים צוגעגרייט צו זיין שפּעטערדיגער שליחות. ר׳ בער דערציילט פון אים אַט וואָס: „ער האָט מיט מיר געלערנט די שפּראַך פון די פויגלאַך און די בוימער; ער האָט מיר אַנטפּלעקט די סודות פון די הייליגע און דעם

*) שבחי הבעש"ט, ז. 9.

בשוף-שפראך; ער האט מיר געוויזן, ווי איך זאל לייענען און פארשטיין דעם ספר „מעיני החכמה“, דערקלערנדיג מיר איטליך אות; אינם ספר „רזיאל“ האט ער מיר געוויזן דעם כתב פון די מלאכים און האט מיר דערקלערט, אז איטליכער מלאך האט זיך זיין באשטימטן אות אינם אלף-בית, לויט דעם באטייט פונם מלאך און זיין שרש אין אזא אדער אן אנדער וועלט“.

אין דער אמתן האבן די נאהענטערע פריינט געוואוסט נאך בשעת דער בעל-שם האט געלעבט, אז ר׳ בער וועט אמאל שטיין בראש פון דער חסידישער באוועגונג. און אזוי איז עס אויך געווען. איטליכער האט געפונען, אז ער איז דער פאסיגער מענש דערצו. נישט נאר דער חסידישער המון, נאר אויך זיינע חברים האבן געפונען, אז „אים זיינען געגעבן געווארן די זעלביגע קוואלן פון חכמה, פון וואס דער בעל-שם האט געשעפט“ *).

ה.

ר׳ בער האט זיך ארויפגעזעצט אויף דעם בעל-שמס „כסא המלכות“, אבער בלייבן אין מעדזשיבאזש האט ער נישט געוואלט, ער האט נישט געוואלט בלייבן אין דער שטאט, וואו זיין רבי האט געלעבט און איז געשטארבן. ער האט זיך מן הסתם נישט גוט געפילט אין נאהענטער שכנות מיט דעם בעל-שמס קינדער, וואס זיינען פארבליבן אין מעדזשיבאזש נאך דעם טויט פון דעם גדול הדור. עס קאן זיין, אז ער האט נישט געוואלט אנטון קיין עגמת-נפש דער פאמיליע פון דעם נפטר, ווארום עס האט איר מן הסתם נישט ווייניג פארדראסן, וואס די ירושה איז אריבערגעגאנגען אין פרעמדע הענט. עס איז אבער, משמעות, אין דעם געווען עפעס אנדעריש אויך, וואס האט גע-קאנט ר׳ בערן טרייבן דערצו, אז ער זאל מעדזשיבאזש פארלאזן.

דאס דאזיגע שטעטל איז געלעגן צו ווייט פון ליטע, און ר׳ בערן האט זיך געוואלט צוציהען צו חסידות דווקא דעם יידישן עולם פון דעם ליטווישן קאנט. זייענדיג אליין א תלמיד-חכם, האט ר׳ בער נישט

*) שבחי הבעש"ט, ז. 48.

געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז די חסידישע באַוועגונג זאָל זיך באַגרענעצן בלויז מיט די וואָליגער און פּאָדאָליער מקומות, וואו לומדות איז געשטאַנען אויף אַ זעהר נידעריגער מדרגה. אים האָט זיך געוואָלט קריגן אויף זיין צד די לומדים און תּלמידי-חכמים. און מהאי טעמא האָט זיך דער „מגיד“ אָפּגעשטעלט אויף מ ע ז ש י ר י ט ש, וואו עס האָט פֿריהער געלעבט דער מקובל ר׳ יעקב קאָפּל, דער מחבר פֿונם ספר „שערי גן-עדן“, וועמעס גייסט עס האָט זיך נאָך געטראָגן איבער דעם שטעטל. עס ליגט נישט ווייט אי פֿון ליטע, אי פֿון פּוילן און וואָלין. און אַזוי אַרום איז מעזשיריטש געוואָרן די „הייליגע שטאָט“ פֿון די חסידים. ר׳ יעקב-יוסף, ר׳ בערס אַ חבר, האָט מכּה דעם ענין געזאָגט אָט וואָס: „נאָך דער פּטירה פֿונם בעל-שם איז די שכינה מיט איר טאָרבע אַרויס פֿון מעדזשיבאָזש און האָט אויסגעקליבן מעזשיריטש צום באַזעצן זיך“.

די חסידים, וועמען עס האָט פֿריהער געצויגן צו מעדזשיבאָזש, האָט איצט אָנגעהויבן צו ציהען צו מעזשיריטש. אָבער די „עדה קדושה“ פֿון דעם בעל-שמס תּלמידים האָט פֿון מעזשיריטש ווייניג וואָס געהאַלטן; איטליכער פֿון זיי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. דעם נייעם רבּין זיינען זיי געווען נישט אַזוי איבערגעגעבן ווי פֿריהער דעם בעל-שם, וואָרום ער האָט דאָך מיט זיי אינאיינעם געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה און האָט געשעפּט פֿון די אייגענע קוואַלן ווי זיי. אָבער פֿון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אויך נישט געוואָלט מאַכן קיין באַזונדערע כּתּה און האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די חסידישע באַוועגונג איז נאָך געווען צו שוואַך און אַז זי האָט זיך געמוזט אָרגאַניזירן אונטער דער הנהגה פֿון איין איינציגן פֿירער, און אַז ר׳ בער איז געווען דער פּאַסיגער פֿירער, וואָס איז מסוגל געווען צו פֿאַרשטאַרקן די חסידות — דאָס איז פֿאַר זיי געווען קלאָר. פֿון דעם בעל-שמס תּלמידים זיינען נאָר צוויי צוגעשטאַנען צו ר׳ בערן און געוואָרן דערנאָך באַוואוסטע תּלמידים פֿון אים — דאָס זיינען געווען ר׳ נחום דער טשערנאָבילער און ר׳ מנחם-מענדל דער וויטעבסקער.

אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון חסידיזם האָט ר׳ בער אַריינגעטראָגן אַ וויכטיגן שנוי, וואָס האָט איבערגעאַנדערשט איר גאַנצן כאַראַקטער, ער פֿלעגט נישט אַרומפֿאָרן פֿון איין אָרט צום אַנדערן, כּדי צו פֿאַרשפּרייטן

זיין תורה אין די שטעט און דערפער. ראשית, איז ער געווען צו שוואַך אין געזונט פאַר אַזאַ מין אַרבעט; והשנית, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַ יחיד איז ניט ביכולת זי דורכצופירן. אַ חוץ דעם האָט זיך דעמאָלט דער חסידיזם געפונען אין אַזאַ מצב, אַז דער „רבי" גופא האָט זיך נישט געקאָנט באַווייזן פאַרן פאָלק. דער חסידיזם איז געווען געצוואונגען צו אַנטוויקלען זיין אַרבעט שטילערהייט, וואָרום נישט אומעטום האָט מען געמעגט רעדן אָפן אין זיין נאָמען. אַז ר׳ בער גופא וואָלט געדרשנט אין פאַרשיידענע ליטווישע שטעטלאַך, וואָלט עס נישט געווען שווער אַרויסצוגעפינען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, און דאָס וואָלט פאַר איר געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. און מהאי טעמא האָט ער עס געפונען פאַר פאַסיג, זיך צו נעמען צו אַנדערע און זיכערערע מיטלען. ער פלעגט אַרויסשיקן אין פאַרשיידענע מקומות מגידים מיט דעם ציל, צוצוציהען צום חסידיזם נייע מענשן.

יידן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַרויסגעשיקט מיסיאָנערן, כדי צו פאַרשפּרייטן זייער גלויבן. כמה יאָרהונדערטער פאַר קריסטוסן האָבן זיי געדרשנט אומעטום וועגן די יסודות פונם יידנטום: „כדי צו באַקומען איין איינציגן גר, פאָרן זיי אום איבערן ים און איבער דער יבשה"; אַז מיר טרעפן מענשן, וואָס לעבן אין טעות לויט אונזער מיינונג, איז עס אונזער חוב זיי צו עפענען די אויגן און צו ווייזן זיי דעם דרך האמת. דאָס קריסטנטום האָט אויך אין דערין זיך אָפּגעלערנט פונם יידנטום. בשעת פּוילוס האָט געמאַכט נסיעות אין פאַרשיידענע לענדער, כדי צו פאַרשפּרייטן די קריסטליכע תורה, איז ער אויך אין דעם געווען אַן אמתער פרוש, אַ פרוש מיט די ביינער. די צרות פונם גלות האָבן געצוואונגען די יידן זיך אָפּצוזאָגן פונם שליחות־געדאַנק. זיי זיינען געווען צופרידן, וואָס מען האָט נישט געטשעפּעט זייער אמונה. די שבתי־צבי־באַוועגונג האָט ווידער באַלעבט דעם געדאַנק פון דער מיסיע, און אירע „שליחים" האָבן זיך געסטאַרעט צו פאַרשפּרייטן אירע אידייען אין פאַרשיידענע מדינות. אויך די לוריאַנישע קבלה האָט געהאַט אירע מיסיאָנערן.

און אַזוי אַרום האָט אויך ר׳ בער אַרויסגעשיקט מגידים פאַר דעם חסידיזם. היות אָבער, ווי מען האָט אין אַ סך ערטער געקוקט אויף די חסידים אַלס אויף אַ „געזעלשאַפט, וואָס באַהאַלט זיך", פלעגן די מגידים נישט אַרויסטרעטן אָפן פאַרן עולם, נאָר פלעגן זיך קודם כל

שטאַרען אַרויפפירן אויפן ריכטיגן וועג מענשן מיט אַ דעה אין זייער סביבה דורך אַ פערזענליכער באַרירונג און דורך דער הסברה פון דער חסידישער שטה. און אַז עס פלעגט זיך זיי איינגעבן אַריינצוקריגן אונטער זייער השפעה אַזוינע מענשן, פלעגן זיי דערנאָך זיי צוגעבן השק אַראָפּצופאָרן קיין מעזשיריטש, כדי צו באַקאַנען זיך מיט דעם רבין גופא. זיי האָבן געהאָפט, אַז דורכדעם וועט זייער אמונה אין חסידות פאַרשטאַרקט ווערן, און אַז דערנאָך וועלן זיי פון זייער צד משפיע זיין אויף אַנדערע גרופעס. שלמה מימון (געבאָרן אין ליטע אינם יאָר 1754, געשטאָרבן אינם יאָר 1800) דערציילט אָט וואָס פון אַזאַ מין מיסיאָנער, וועמען ער האָט געקענט פערזענליך: „דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציג, אַ שוואַכער, אַ מאָגערער און בלייכער. ער פלעגט אַרומפאָרן אין פוילן אַלס מיסיאָנער. דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט אין זיין גאַנצער אויסוייניגסטער געשטאַלט געהאַט עפעס שרעקליכעס, עפעס אַזוינס, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה און האָט געצוואונגען צו פאָלגן, אַזוי אַז ער האָט געוועלטיגט און קאָמאַנדעוועט איבער די מענשן ביד רמה. וואו ער פלעגט קומען, פלעגט ער זיך תיכף נאָכפרעגן נאָך די פאָראָנדקעס אין דער אָרטיגער קהלה און פלעגט פסלען אַליץ, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן, און איינפירן נייע פאָראָנדקעס, וואָס זיינען פון די אָרטס־לייט דורכגעפירט געוואָרן אין אַלע פרטים. די פני פון דער קהלה, סרוב אַלטע, בכבודיגע לייט, וואָס האָבן אים אינם פרט פון לומדות געקאָנט אויסשאָקלען פון אַרבל, האָבן אַלע געציטערט פאַר אים. איינמאָל האָט אַ גרויסער למדן זיך געספּקט דערין, צי די דאָזיגע מגידים זיינען טאַקע אַזוי פריי פון איטליכן טעות; דער מיסיאָנער האָט אויף אים געגעבן אַ קוק, אין וועלכן עס איז גע־לעגן אַ סטראַשונעק, און יענער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַזאַ פחד, אַז ער איז קראַנק געוואָרן אויף קדחת און איז טאַקע באַלד נאָכדעם געשטאָרבן" *).

די אַגיטאַציע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ ברייטן אופן, האָט געהאַט אַ גרויסע פעולה. „יונגעלייט — אַזוי דערציילט שלמה מיימון — פלעגן פאַרלאָזן זייערע עלטערן, ווייב און קינד און מחנותווייז גייען צום „מעזשיריטשער מגיד", כדי צו הערן די נייע תורה

*) Lebensgeschichte, ז. 205 – 206.

פֿון זײַן אײגן מויל". שטאַרק געהאָלפֿן דער אַגיטאַציע האָבן ר' בערס צוויי תּלמידים: ר' עזריאל און ר' ישׂראל פּאָלאָצקער. „זיי פֿלעגן אַרומפֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער און פֿון איין דאָרף צום אַנדערן, און אומעטום, וואו זיי האָבן געפֿונען עמיצן, וועד עס האָט פֿאַרמאָגט אַ „האַרץ פֿון פֿלייש און בלוט", האָבן זיי זיך געסטאַרעט אים אַרויפֿצופֿירן אויפֿן וועג צו גאָט און האָבן אים צוגעגעבן אַ חשק צו פֿאָרן קיין מעזשיריטש". וועגן דעם אופֿן ווי אַזוי זײַנע תּלמידים פֿלעגן וואַנדערן און דרשענען, לייענען מיר אין איינעם פֿון די „ספֿורי מעשׂיות" אָט וואָס: „אויף אַלע נסיעות פֿלעגט ר' עזריאל האַלטן די לייצעס אין די הענט און פֿראַווען, בעת ר' ישׂראל פֿלעגט פֿאַרזונקען ווערן אין זײַנע אײדעלע און הויכע רעיונות. אומעטום, וואוהין זיי פֿלעגן קומען, בכל מקום בואם, פֿלעגט ר' ישׂראל זײַן דער בעל־תּפֿלה, וואָרום ער האָט געדאַוונט פֿון גאַנצן האַרצן, און זײַן שטאַרק און בנעימותדיג קול פֿלעגט צובינדן צו זיך דעם עולם און אים צווינגען צו פֿאַרוואַרפֿן דאָס האַוועניש אין עולם־הזה־זאַכן און זיך אומצוקערן צום באַשעפֿער פֿון אַלע וועלטן, צום בורא העולמות. אַזוי אַרום האָבן זיי אויפֿגעטאָן זעהר אַ סך און דערגרייכט, אַז אַ סך פֿון זייערע צוהערערס זײַנען אינם פּרט פֿון רוחניות ממש אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים. באַוואוסטע רבנים, לומדים, זײַנען בכבודם ובעצמם געפֿאָרן קיין מעזשיריטש". און אויך אַן אַנדער תּלמיד פֿון ר' בערן, ר' אהרן קאַרלינער דער גדול, האָט אַ סך געטאָן לטובת חסידות אין ליטע. ער איז געווען דער גרעסטער פֿון יענע, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד צו פֿאַרבאָרגענע חסידישע קהלות אין ליטע. פֿון קאַרלין האָבן זיך געצויגן נעצן איבער גאַנץ ליטע, וועלכע האָבן אַרײַנגעכאַפּט אַ סך נשמות, וואָס זײַנען צוגעשטאַנען צום חסידיזם. פֿאַרשטייט זיך, אַז ר' בער האָט דערפֿון געוואוסט.

ו.

אַרום ר' בערן האָבן זיך געזאַמלט אַ סך באַוואוסטע תּלמידים. אויב מיר זאָלן גלויבן אַ ידיעה פֿון אַ חסידישן מקור, איז זייער צאָל דערגאַנגען ביז דריי הונדערט. באַוואוסט זײַנען נאָר ניין און דרײַסיג פֿון זײַנע תּלמידים; די דאָזיגע ניין און דרײַסיג האָבן געשמט אין דער

גאַנצער חסידישער וועלט. די תּלמידים זיינען איבערגעגעבן געווען דעם רבּין מיטן גאַנצן האַרצן. זיי האָבן פאַרלאָזט ווייב און קינד, כּדי צו זיין תּמיד בּיי אים. זעהר זעלטן האָבן זיי זיך דערוויטערט פונם רבּינס הויז. דעם „מגידס" ווערטער זיינען פאַר זיי געווען תּורת משה. אין איטליכן פון זיינע מימראות און אפילו אין איטליכן פון זיינע איינציגע ווערטער האָבן זיי אַרויסגעפונען רמזים אויף דערהויבענע און פאַרבאַהאַלטענע זאַכן. זיין תּורה איז פאַר זיי געווען אַן אמתע געטליכע אַנטפּלעקונג. אַליך, וואָס זיי האָבן געוואוסט און געלערנט, איידער זיי האָבן זיך באַגעגנט מיטן רבּין, האָט פאַר זיי אָנגעוואָרן יעדער באַטייט. ר׳ ישראל קאָזשעניצער פלעגט זאָגן: „איידער איך בּין געפאָרן צום גרויסן רבּין און מגיד פון מעזשיריטש, האָב איך געלערנט אַכט הונדערט קבלה-ספרים; און אַז איך בּין דערנאָך געקומען צו אים, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אין תּוך געריעדט נאָך גאָרנישט געלערנט".

אַלע ווערטער פונם רבּין פלעגן די תּלמידים דערפילן, נישט אָפּטרעטנדיק פון זיי אַפילו אויף אַ האָר. אויך זיינע שיחת-חולין איז בּיי זיי געווען הייליק. דער באַוואוסטער חסיד ר׳ לוי יצחק האָט געשריבן אין זיין ספר זכרון: „איך האָב געהערט איטליכס וואָרט פון דעם מגידס שיחת-חולין און איך האָב זיך געסטאַרעט תּופס צו זיין דעם טיפערן מיין פון יעדער וואָרט". אין דעם רבּינס ווערטער פלעגן זיי זיך פאַרטיפן אַזוי שטאַרק, אַז זיי פלעגן אָפט נישט באַמערקן, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. „אַמאָל — לייענען מיר אין די ספּורי מעשיות — האָבן זיי זיך געזעגנט מיט זייער רבּין, נאָכדעם ווי ער האָט זיי געהאַט דערציילט אַ מעשה, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר און צוואַנציק ווערטער. זיי האָבן געהייסן דעם בּעל-עגלה פאָרן פאַמעליך און אַליין זיינען זיי נאָכגעגאַנגען צופוס, אַריינלאָזנדיק זיך אין טיפע חקירות איבער דעם רבּינס מעשה. עס איז פאַרגאַנגען דער טאָג, עס איז פאַרגאַנגען די נאַכט, און זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט, בּיז דער בּעל-עגלה איז אין כּעס געוואָרן און האָט צו זיי אַ געשריי געטאָן: לא די, וואָס איר האָט נעכטן פאַרגעסן צו דאַווענען מנחה און מעריב, ווילט איר נאָך איצט פאַרשפּעטיגן קריאת-שמע ? ! ערשט איצט האָבן זיי זיך אַרומגעזעהן אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זיינען און באַמערקט, אַז די זון גייט שוין אויף אין מזרח-זייט".

איינער פון זיי, ר׳ אברהם קאַליסקער, האָט דערציילט: „בּעת

מיר זיינען געווען ביים הייליגן רבין און מגיד, זיינען מיר צופרידן געווען מיט איין איינציגער באַמערקונג פון אים. אַז מיר וואָלטן געקומען נאָר צוליב דער דאָזיגער באַמערקונג אַליין, וואָלט שוין אונזער לוין געווען גענוג גרויס. מיר האָבן זיך איינגעהערט מיט התמדה, ביז דער מגיד האָט אָנגעהויבן צו רעדן איבער אַן אַנדערן ענין״. איטליכס מאָל פלעגן זיי זיך מתווכח זיין איבער דעם רבינס ווערטער, און איטליכער פון זיי האָט אין די דאָזיגע ווערטער אַרויסגעפונען אַן אַנדערע כונה. אַמאָל האָט זיך דער מגיד אַליין אַריינגעמישט אין זייערע ווכוחים און האָט זיי געזאָגט: „אלה ואלה דברי אלהים חיים — אַלעמענס דעות זיינען ווערטער פונם לעבעדיגן גאָט, וואָרום זיי אַלע געפינען זיך אין מיינע ווערטער״. און נישט בלויז אין זיינע ווערטער, נאָר אויך אין די באַוועגונגען פון זיין גוף האָבן דעם מגידס תלמידים אַרויסגעפונען רמזים. די סאַמע געוויינליכסטע דערפילונגען פון הצטרכות הגוף האָבן פאַר זיי געהאַט דעם באַטייט פון דערהויבענע, סימבאָלישע טואונגען — פון טואונגען, וואָס טייטן אָן אין דער פאָרם פון אַ בילד אויף אַנדערע, העכערע ענינים. איינער פון די „קדושים״ פון יענער צייט, ר׳ לייב שרהס, פלעגט זאָגן, אַז ער פאָרט צום מגיד, „כדי צו זעהן, ווי יענער טוט אָן די שטיוול״. אפילו די לופט פונם אָרט, וואו דער מגיד פלעגט איטליכס מאָל וואוינען, איז אין זייערע אויגן אָנגעפילט געווען מיט הייליגקייט און דערהויבענע רעיונות. זיינע תלמידים פלעגן זאָגן, אַז קוים קומען זיי אַריין אין דעם רבינס שטאָט, אַזוי ווערט פאַר זיי אַנטפּלעקט און אָפן אַליץ, וואָס זיי ווילן זיך דערוויסן. און אויב נישט אין שטאָט, ווערן זיי דערפון געוואָר אינם הויף פון זיין הויז אָדער ביים עפענען די טיר פון זיין חדר. על כל פנים דערגרייכט איטליכער זיין פאַרלאַנג, ווען ער האָט די זכיה צו דערזעהן דעם רבין פנים אל פנים. דעם רבינס געזיכט איז פאַר זיי נישט געווען אַ פשוט מענשליך געזיכט, נאָר אַזוינס, אויף וואָס עס איז געווען אויסגעגאָסן געטליכע הייליגקייט און וואָס האָט געלויכטן אינם גלאַנץ פון דער שכינה. ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער דערציילט אָט וואָס מכח דעם מגיד: „איינמאָל אין אַ ראש-השנה-אָוונט, בשעת תפלת-מעריב, האָב איך דערזעהן איבער זיין קאָפּ אַ שטראַלנדיג ליכט, וואָס האָט שימערירט אין אַלע פאַרבן ווי אַ רעגנבויגן. איך האָב זיך זעהר דערשראָקן און אַ שווידער איז מיר דורכגעלאָפן דורכן גאַנצן לייב.

עטליכע מענשן אַרום מיר, וואָס האָבן נישט געוואוסט דעם סוד פון מיין פּחד, האָבן מיך אונטערגעהאַלטן, כּדי איך זאָל נישט אַנידערפאַלן. מיין רבי האָט אָבער געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, ער האָט זיך אָפּ־געקערט מיטן געזיכט צו דער וואַנט און האָט אַ קורצע צייט געהאַלטן צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ. אַז ער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט, האָב איך שוין איבערן קאָפּ ביי אים גאָרנישט נישט געזעהן. דאָס דאָזיגע ליכט האָב איך געזעהן נאָך אַמאָל אין דער מינוט פון זיין פּטירה. דאַן ערשט האָב איך געהאַט די זכיה אַריינצודרינגען אין זיין תורה". ר' זאב זשי־טאָמירער זאָגט: „איך האָב אַליין געזעהן, אַז רעדנדיג איז ער גאָר־נישט בנמצא געווען אויף דער וועלט, און נאָר די שכינה האָט גערעדט פון זיין מויל. אָפט מאָל פלעגט ער בלייבן שטיין אין מיטן פון אַ מימרא אָדער אויך פון אַ וואָרט און פלעגט אָפּוואַרטן אַ געוויסע צייט". און ר' שניאור־זלמן דער לאַדיער האָט איינמאָל דערציילט: „בעת אונזער מגיד עליו השלום פלעגט זאָגן תורה, פלעגט די שכינה רעדן פון זיין מויל און גאָט כּביכול אין אים, ער אַליין אָבער איז געווען אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט". די תלמידים האָבן זיך באַצויגן צום מגיד פונקט אַזוי ווי די ערשטע חסידים צום בעל־שם: „דאָס איז געווען אַ תמימותדיג, שטאַרק גלויבן און אַן אָפּשיי ווי פאַר גאָט" *).

ז.

מעזשיריטש איז געוואָרן דער מיטלפונקט פון דער חסידישער באַ־וועגונג. אַהערצו האָבן זיך געצויגן די חסידים פון די פאַרשיידנסטע קאַנטן, כּדי אָפּצוגעבן שלום ר' בערן. ער גופא איז אָבער געווען אַ ייד אַ חלוש און האָט געקאָנט אויפנעמען די געסט נאָר איין מאָל אין וואָך. שבת פלעגט ער מקבל פּנים זיין אַלע זיינע געסט און פלעגט מיט זיי עסן אינאיינעם. אַלע טעג פון אינדערוואָכן פלעגט ער פאַרברייגגען אין זיין צימער אין דער קאָמפּאַניע פון זיינע תלמידים.

ווי אַזוי ער פלעגט שבת אויפנעמען די געסט, דערציילט שלמה מיימון, וואָס איז געקומען קיין מעזשיריטש צו ר' בערן צו גאַסט: „און

*) מעשיות נוראים ונפלאים, ז. 38.

אַזוי אַרום בין איך אום ישבת אָנגעקומען צו דער דאָזיגער „היילינגער" סעודה און האָב דאָ געטראָפן אַ סך בכבודיגע און חשובע מענשן, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהערצו פון פאַרשיידענע קאַנטן. צום סוף האָט זיך באַוויזן אויך דער גדול אַליין, אָנגעטאָן אין ווייסן אַטלאַס און מיט אַ הדרת פנים, וואָס האָט אַרויסגערופן יראת הכבוד. אפילו זיינע שיך און זיין טאַבאַק-פושקע זיינען געווען ווייס (ווייס איז ביי די מקובלים די פאַרב פון חסד). איטליכן פון די אָנגעקומענע האָט ער געגעבן שלום, ד. ה. ער האָט אים מקבל פנים געווען. מען האָט זיך געזעצט צום טיש, און בעת מען האָט געגעסן, האָט געוועלטיגט אַ דערהויבענע שטיל־קייט. נאָכן עסן האָט דער הויך געאַכפּערטער ראש פון אַלע פאַרזאַמלטע אַרום טיש אָנגעהויבן צו זינגען אַ ברייטן נגון, פול מיט דערהויבענע דבקות, האָט אַ קורצע צייט געהאַלטן די האַנט פאַרן שטערן און דער־נאָך אָנגעהויבן צו רופן: צ. פון ה! מ. פון ר! ס. מ. פון ר! און אַזוי ווייטער אין דעם אייגענעם נוסח; איטליכן פון די אָנגעקומענע האָט ער אָנגערופן מיט זיין נאָמען און דעם נאָמען פון דעם אָרט, וואו יענער האָט געוואוינט, און דאָס האָט אונז זעהר פאַרחידושט. איטליכער פון אונז האָט געמוזט זאָגן וואָסערן ס'נישט איז פסוק פון תנ"ך. איטליכער האָט געזאָגט זיין פסוק. דערנאָך האָט דער הויך געאַכפּערטער ראש פון אַלע פאַרזאַמלטע אָנגעהויבן צו האַלטן אַ דרשה, וואָס האָט זיך באַ־צויגן אויף די אויבנדערמאָנטע פסוקים; און הגם די דאָזיגע פסוקים זיינען גענומען געוואָרן פון די פאַרשיידנסטע סדרות, פרשות און קאַפּיטלאַך פון תנ"ך און האָבן געהאַט גאָר אַ קנאַפּע שייכות איינע צו די אַנדערע, האָט ער זיי דאָך צונויפגעבונדן אַזוי קונציג, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען איין איינציגע זאַך. און נאָך אַ גרעסערער חדוש: איטליכן פון די אָנ־געקומענע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין יענעם טייל פון דער דרשה, וואָס האָט זיך סומך געווען אויף זיין פסוק, ליגט עפּעס, וואָס האָט אַן איינגען שייכות צו זיין אייגענעם, פּריוואַטן עסק. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען אַלע דעריבער נשתומם געוואָרן" *).

ר' בער האָט אַמאָל אין אַ קאָמפּאַניע פון זיינע חסידים געזאָגט אָט די ווערטער: „נאָר אַ מענש, וואָס פאַרמאָגט אַ שכל פון אַ גרויסן פאַר־

*) אין זיין בוך הנ"ל.

נעם, אַ טיפֿע נשמה און ברייטע ידיעות, איז ביכולת אַרויסצוזאָגן ווערטער, וואָס געפֿינען זיך בהסכם מיט די מיינונגען פֿון איטליכן מענשן״.

אונטער ר׳ בערן איז פֿאַרמערט געוואָרן די צאָל פֿון די חסידים, וואָס זיינען פֿון דעמאָלט אָן צוגעקומען אויך פֿון אַנדערע קאַנטן, אַ חוץ וואָלין און פּאָדאָליע. באַזונדערס זיינען זיי צוגעקומען אין ליטע, וואָרום דער מגיד האָט געאַרבעט מיט אַלע זיינע כחות, כדי צוציהען דעם ליטווישן קאַנט צו חסידות. און אַפֿילו אין ווילנע, דער דאָזיגער פֿעסטונג פֿון מתנגדים, איז אין זיין צייט פֿאַרשאַפֿן געוואָרן אַ „חברה חסידים״, וואָס האָט געאַרבעט בשתיקה. דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון. דער יונגער חסידיזם האָט צוגעצויגן צו זיך די הערצער פֿון טויזנטער יידן. ר׳ בער און זיינע פֿריינט האָבן געקאָנט קוקן מיט אַ געפֿיל פֿון צופֿרידנקייט און בטחון אויף דער גיכער אַנטוויקלונג פֿון דער באַוועגונג.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט דער פּראַקטישער, אַזוי צו זאָגן פּאָליטישער זייט פֿון ר׳ בערס טעטיגקייט, באַזונדערס אינם תחום פֿון אָרגאַניזאַציע, קאָנען מיר פֿרעגן: וואָס האָט ער אויפֿגעטאָן אין פּרט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער חסידישער אידייע? מיט וואָס האָט ער באַפֿרוכפּערט דעם עצם חסידות? -

ח.

דער עיקר־געדאַנק פֿון חסידות איז פֿאַר דעם בעל־שם געווען די לחלוטנדיגע אחדות צווישן גאָט און דער נאַטור. אויף דעם דאָזיגן יסוד האָט ר׳ בער געבויט אויך זיין שיטה פֿון חסידות. פּונקט ווי זיין רבי דער בעל־שם, האָט אויך ר׳ בער געזעהן גאָט אין אַלצדינג אויף דער וועלט: „גאָט ברוך הוא איז דער סוף פֿון אַלע וועלטן, ער שטייט איבער אַלצדינג, ער פֿילט אויס גאָר די וועלט און איז דער אָרט פֿון אַלע עולמות״, ער איז „דאָס לעבן פֿונם לעבן און דער שכל, וואָס כאַפּט אַלצדינג אַרום״, „אין אַלצדינג אַנטפּלעקט זיך די געטליכע אויסשפּרייטונג (עמאַנאַציע)״, „איטליכע דערשיינונג אויף דער וועלט איז געגליכן צו אַ שלייער, אין וואָס די געטליכקייט וויקלט זיך איין״, „די סאַמע נידעריגסטע מדרגה פֿון אַ קערפּערליכער זאַך, אַפֿילו אַ שלעכטע זאַך, איז מער נישט ווי אַ שלייער, אין וואָס די געטליכקייט וויקלט זיך איין״, „דער געטליכער

גייסט באַהעפט זיך אפילו מיט עבודות זרות, און פֿון אים באַקומען זיי לעבן". און אַזוי ווי מיר ווייסן איצט, אַז גאָט געפֿינט זיך אין אַלצדינג, אַפילו „אין די סאַמע נידעריגסטע מדרגות פֿון גשמיות", מוזן מיר דערפֿון שעפֿן אַ טיפֿערע דערקענטעניש. מיר מוזן זיך סטאַרען תופֿס צו זיין דאָס אינעווייניגסטע און נישט דאָס אויסווייניגסטע פֿון איטליכער זאַך, וואָרום נישט דאָס אויסווייניגסטע פֿון איר, נישט די מאַטעריע איז דער תמצית און דאָס קערנדל פֿון יעדער זאַך, נאָר איר אינעווייניגסטעס.

„דאָס אינעווייניגסטע איז גאָט", פֿון אים, פֿון דעם דאָזיגן אינעווייניגסטן, באַקומט די גשמיות דאָס לעבן און די מעגליכקייט צו עקסיסטירן, וואָרום „דאָס לעבן אין די קערפּערליכע זאַכן איז אַ טייל פֿון דער געטליכקייט פֿון אויבן". און אַזוי אַרום מוזן מיר תמיד האָבן אין זינען דאָס אינעווייניגסטע, וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדער גשמיות, „למשל: אַז דו דערזעהסט אַ שיינע נקבה, מוזטו אַ טראַכט טון וועגן דעם, פֿון וואַנען נעמט זיך איר שיינקייט? וואָרום, אַז זי וואָלט געווען אַ טויטע, וואָלט זי דאָך פֿאַרמאָגט נאָר די אויסווייניגסטע זייט פֿון איר גוף און איר פּיגור, און וואָלט געווען זעהר מיאוס. דערפֿון איז געדרונגען, אַז איר שיינקייט נעמט זיך פֿון דער געטליכער מאַכט, וואָס ליגט אין איר; פֿון אָט דעם דאָזיגן געטליכן כּח באַקומט די נקבה קראַפֿט, פֿאַרבן און שיינקייט פֿון אירע געזיכטס־שטריכן. און אַזוי אַרום ליגן די וואָרצלען פֿון דער שיינקייט אין דעם כּח פֿון דער העכסטער געטליכקייט. און ווייטער: אַז דו דערזעהסט אַ שיינע כּלי, מוזטו פֿאַרשטיין, אַז די מאַטעריע פֿון דער כּלי פֿאַרמאָגט נאָר אַ קליינעם ווערט און אַז די שיינקייט פֿון איר ליגט אין דעם צד פֿון איר רוחניות, און אַז אויך דאָס איז אַ טייל פֿון דער העכסטער געטליכקייט".

קיצור הדבר, די רוחניות איז די נשמה פֿונם גוף און פֿון איר באַקומט ער זיין לעבן. אַז דו האָסט זיך אָנגעגעסן מיט אַ וואָסערן ס׳נישט איז מאכל, „קומט די זאַטקייט נישט פֿונם פֿלייש פֿונם מאכל, נאָר פֿונם לעבעדיגן און גייסטיגן כּח, וואָס שטעקט אינם מאַכל". אַז מיר קומען צו דער דאָזיגער מסקנה, אַז מיר דערקענען דעם צד פֿון רוחניות אין יעדער גשמיותדיגער זאַך („דעם גאָט, וואָס שטעקט אין איר"), דעמאָלט וועהען מיר איר אידייע, און דאָס דאָזיגע וועהן באַציהט זיך נאָר אויף דער אומענדליכקייט אין איר.

דער דאָזיגער גייסטיגער אופן צו זעהן פירט אַרויף צו איטליכער העכסטער מדרגה. דורך אים, דעם דאָזיגן אופן צו זעהן, ווערט איטליכע עובדה מגולגל אין אַ מצוה הן בנוגע צו ליבע, הן בנוגע צו פחד, גאוה, די נטיה צו מחלוקת, דאַנק און כדומה. וואָרום אַז מיר האָבן עפעס ליב, אָדער מיר האָבן פאַר עפעס מורא, פרעגן מיר: פון וואַנען נעמט זיך דער געפיל פון ליבע, מורא און אַזוי ווייטער? אַלצדינג קומט אַרויס פון אים, גאָט ברוך הוא, פאַרוואָס זאָל עפעס איין איינציגער פונק פון זיין גרויסקייט אויף אונז אָנוואַרפן אַן אימה? פאַר אונז איז אַ סך בעסער, אין דער גאָטספאָרכטיגקייט אינגאַנצן בטל צו ווערן. און אַזוי איז עס אויך בנוגע ליבע און אַנדערע געפילן. דורכדעם פאַרפולקאָמען מיר די גייסט פולקאָמע תכונות, די „שברי כלים“, וואָרום „שברי כלים“ ווערט אָנגערופן דאָס, וואָס האָט אין תוך גערעדט באַדאַרפט צו זיין ליבשאַפט צו גאָט, און איז אין דער פראַקטיק פונם לעבן אַ ליבשאַפט צו אַ גשמיותדיגער זאַך: וואָרום דאָס באַטייט, אַז די כלי איז צעבראָכן געוואָרן. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן בנוגע אויך צו אַנדערע געפילן *).

דורך אַזאַ מין קוק אויף זאַכן און פאַסירונגען אויף דער וועלט, אַ קוק, וואָס באַציהט זיך נאָר אויף דעם גייסטיגן צד אין זיי, און לויט וועלכן „עס ליגט אין אַלצדינג, אַפילו אין די ערגסטע זאַכן, אַ געט־ליך לעבן“, איז ר׳ בער געקומען צו דער אָפטימיסטישער סברה פון זיין רבין דעם בעל־שם, לויט וועלכער אַ לחלוטנדיגער בייז איז אויף דער וועלט גאָרנישט בנמצא. ר׳ בער זאָגט: „אין יעטוועדן בייז ליגט דאָס גוטס, אַזוי ווי אין יעטוועדער מדת הדין ליגט די מדת הרחמים“, קיין שום זאַך אויף דער וועלט איז נישט לחלוטין שלעכט, „דאָס שלעכטס איז אויך גוט, מער נישט די דאָזיגע גוטסקייט איז זעהר אַ נידעריגע מדרגה פון דער לחלוטנדיגער גוטסקייט“. אַזוי ווי זיין רבי דער בעל־שם, זעהט ר׳ בער אין דער וועלט דורך און דורך גוטסקייט, וואָרום דאָס בייז, וואָס פאַסירט מיט אונז, איז מער נישט ווי דער פועל־יוצא פון דער „שבירה“, און אונזער חוב איז עס, דאָס בעסער צו מאַכן און מגלגל זיין אין גוטסקייט.

---

*) אור תורה תהילים; מגיד דבריו ליעקב, ז. 21, 29, אור אמת, ז. 48.

אַרומקוקנדיג זיך צו דער גאַנצער בריאה, קומט ר׳ בער צו דער מסקנה, „אַז אַלע זאַכן, ווי אויך אַלע געדאַנקען, זיינען אותיות״. די דאָזיגע אותיות, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן פון די פיר אותיות פונם שם הויה, נעמען אין זיך אַריין די גאַנצע בריאה, אַזוי אַז אין איטליכן פון זיי ליגט אַ גייסטיג לעבן. און די שטראַלן פון די אותיות זיינען די „קעמערלאַך פון גאָט, וואָס איז דער קוואַל פון אַלע ליכט- און לעבן-אויסגיסונגען״. און אַזוי אַרום זיינען די אותיות גופא בטבע גוט, אָבער דורך די זינד פונם מענשן קאָנען זיי אַזוי מיטאַנאַנד צונויפגעבונדן ווערן, אַז זיי קאָנען מגולגל ווערן אין נישט גוטס. „וואָס איז דער חלוק צווישן פּראָסטע, נישט הייליגע אותיות, און די אותיות פון דער תורה הקדושה? דער חלוק באַשטייט אין דעם, וואָס די פּראָסטע אותיות קומען אַרויס פון דער „שבירה״, דער מענש איז מחויב ווידער גאַנץ צו מאַכן דאָס צעבראָכענע. „דער ציל פון דער עבודת הבורא ליגט אָט אין וואָס: אַרויפצופירן אין דער הויך אַלע דבורים און אַלע געדאַנקען, און אַלע יענע הייליגע פונקען, אויף וואָס עס איז חל געווען די שבירה, וואָרום זיי אַלע זיינען אותיות; אויב זיי זיינען פּראָסט און נישט הייליג, איז דאָס מער נישט דערפאַר, וואָס זיי זיינען אותיות פון דער שבירה און מוזן דערהויבן ווערן צו זייער וואָרצל, צו זייער מקור״ *).

און אויף אַזאַ אופן איז אַלצדינג אין גאָט, אַלצדינג ווענדט זיך אָן גאָט: „אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף דער וועלט, איז נויטיג פאַר די עבודת-הבורא, הן דאָס ריינע, הן דאָס אומריינע. אַלע באַשעפענישן און בכלל אַלצדינג איז נאָר ער, גאָט ברוך הוא אַליין״. וואָרום אַלצדינג איז נאָר דער מלבוש פון זיין פירונג און זיין השגחה. „דו זאָלסט אים דערקענען אויף אַלע דיינע וועגן, סיי אין גוטס, סיי אין בייז״. מען קאָן דינען גאָט מיט יעדער זאַך. „דער מענש קאָן זיך אָנטון אַלע וואוילטאָגן, אַלע תענוגים אין דער וועלט, און דערביי זאָל ער בלייבן אַ פּרוש, אַ נזיר; ער קאָן אָנקוקן און באַטראַכטן, וואָס עס גלוסט זיך אים, און קאָן דערביי האָבן אין זינען נאָר די הייליגע תורה אַליין; ער קאָן רעדן איבער אַלץ אין דער וועלט, און קאָן דערביי

*) אור אמת, ז. 19, 49, 155; אור תורה וישלח, תבא, תישא; מגיד דבריו ליעקב, ז. 4.

באַהעפטט זיין מיט גאָט". בכלל האָט ר' בער אָוועקגעשטעלט אָט וואָ=
סערע הנחה: „מאַך פון דער עבירה אַ מצוה". ר' בער האַלט, אַז
אַליץ, וואָס עס מאַכט זיך דעם מענשן צו זעהן פאַר זיינע אויגן, און מעג
דאָס זיין נאָר על פי מקרה, איז נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר
באַשערט פון דער השגחה פרטית, כדי אים צו ווייזן, אַז ער קאָן
זיך דורך יעטוועדער זאַך און יעטוועדער פּאַסירונג באַהעפטן מיט גאָט.
וואָרום פון יעטוועדער זאַך און פון יעטוועדער פּאַסירונג קאָן מען
לערנען דעם אמתן אופן פון גאָט=דינען. „אפילו אַז דו דערזעהסט אַ
חיה, וואָס גאַרט נאָך עפּעס און האָט אַ חשק צו עפּעס, דערקענט מען
דאָך, אַז די דאָזיגע חיה פאַרמאָגט אין דער דאָזיגער רגע אַ חשק, ד. ה.
וואָסערע ס'נישט איז ליבשאַפט. און דאָס איז גורם דערצו, אַז מען
דערמאָנט זיך אָן דער געטליכער ליבשאַפט". „אַז דו דערזעהסט עפּעס,
פון וואָס דו האָסט הנאה, טאָ דערמאָן זיך אָן דער געטליכער ליב=
שאַפט; און אַז דערזעהסט עפּעס, פאַרוואָס דו האָסט מורא, טאָ דער=
מאָן זיך אָן דער מורא שמים, אָן דער גאָטספאָרכטיגקייט". אזוי אַרום
געוויינט מען זיך תמיד גאָט צו דינען *).

די עבודת הבורא, דאָס גאָט=דינען, מוז אַרויסגיין פון אַן אינעוויינינ=
סטער דערקענטעניש, מוז אַדורכגעדרונגען זיין פון הנאה און התלהבות
און טאָר זיך נישט גלייכן צו אַ זאַך, וואָס מען טוט עס לויט אַ רגילות,
ווייל אַזוי פירט זיך שוין אויף דער וועלט: „אַז עמיצער טוט אַ
מצוה מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, פאַרשטייענדיג איר כונה און איר
וואָרצל, טוט ער עס מיט הנאה, מיט דבקות און מיט התלהבות; עפּעס
אַנדערש איז עס, ווען איינער טוט אַ מצוה, וואָס איז נישט פאַרוואָרצלט
אין דער תורה און איז סתם אַ באַפעל; אפילו ווען ער דערפילט עס
אַלס אַ געבאָט פון גאָט, דערפילט ער עס דאָך אָהן טעם און אָהן
התלהבות".

עס זיינען פאַראַן אַ סך מענשן, — זאָגט ר' בער, האָבנדיג באַשיימ=
פערליך אין זינען די לומדים פון זיין דור — וואָס לערנען תורה דעם
גאַנצן טאָג אין טלית און תפילין. אָבער דאָס איז מער נישט ווי אַ
מנהג, און די, וואָס טוען עס, זיינען נישט תופס דעם תמצית פון גאָט=

*) אור אמת, ז. 60, 150; אור תורה ויצא; אור המאור בהר.

דינען. און אַזאַ מענש איז כמעט נאָך ערגער ווי אַ בעל־עבירהניק, וואָרום דער בעל־עבירהניק קאָן פּלוצים דערוועקט ווערן און תשובה טון, ער קאָן חרטה האָבן אויף זיינע פריהערדיגע זינד און אַרויפגיין אויף דעם וועג פון דער אמתער און ריינער עבודת־הבורא, אָבער אַ מענש, וואָס האַלט זיך פאַר אַ צדיק, וואָס מיינט, אַז ער האָט שוין דערפילט אַלע זיינע התחיבותן, זייענדיג אין דער אמתן „אַזוי ווייט פון גאָט און גאָט־דינען כרחוק מזרח ממערב“, אַזאַ מענש קאָן שוין נישט אַנדערש ווערן. וואָרום אין תוך גערעדט האָט דאָך די עבודת־הבורא אַלס אַ זאַך פאַר זיך „קיין שום ממשות ניט, ווייל אָפטמאָל לערנט אַ מענש פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט הנאה פונם לערנען, אַזוי ווי אַ סוחר האַנדלט, ווייל ער האָט הנאה פונם מסחר. דער עיקר אָבער אין דער הנאה ביי דער דערפילונג פון די מצות איז דבקות און התלהבות“. דורכדעם קאָן אויך אַ פראָסטער מענש „דערגרייכן צו אַ זעהר הויכער מדרגה“.

נאָר דורך התלהבות קאָן זיך אַ מענש פאַרבינדן מיט דער געטליכקייט, „וואָרום דער הויך פון די ווערטער מישט זיך צונויף מיט גאָטס אָטעם, אַזוי ווי די שטים מיט גאָטס שטים, און אַזוי אויך די שפּראַך און דער געדאַנק. און דאָס איז, וואָס אונזערע חכמים זאָגן: „פון משה רבינו רעדט די שכינה“. דורך זיין גרויסער הייליגקייט און דורך זיין קרובהשאַפט מיט גאָט „איז משה רבינו באַהעפט געווען מיט זיין מקור (גאָט), אַזוי אַז גאָט כביכול האָט אין אים גערעדט. דורכדעם איז זיין גוף געריינגט געוואָרן און דורכדעם איז ער געוואָרן אַ געטליכער מענש“. בעת דער מענש באַהעפט זיך מיט גאָט (וואָרום „גאָט וויל, אַז מיר זאָלן זיין אויסגעבונדן מיט אים, ווי דער זון איז אויסגעבונדן מיט זיין פאָטער“), באַהעפטן זיך אַלע אונטערשטע וועלטן מיט גאָט. „ער (דער מענש הייסט עס) בינדט צונויף די אונטערשטע וועלט מיט דער אויבערשטער און קאָן זיך הויבן פון מדרגה צו מדרגה, ביז ער דערגרייכט די העכסטע, וואו אַלצדינג געפינט זיך אין פשוטער אחדות“ *).

דורך זיין אויסגעבונדנקייט מיט גאָט און זיין איבערגעגעבנקייט צו אים „טוט אויף דער מענש גוטס אויף דער וועלט“. מען מוז זיך

*) אור תורה; מגיד דבריו ליעקב, ז. 6, 9, 16, 25; אור אמת, ז. 7.

דערבײַ דערהײטערן פֿון איטליכער כּונה, װעלכע באַציהט זיך אויף זײַן אײגענעם נוצן, און פֿון איטליכער הנאה, װאָס באַציהט זיך אויף זײַן אײ־גענעם גוף. „דער מענש מוז בּיסלאַכװײז אָפּזונדערן זיך פֿון זײַן גוף, בּיז ער גײט דורך אַלע װעלטן און באַהעפֿט זיך מיט גאָט, אַזױ אַז ער װערט מיט אים אײן אײנציגע זאַך, בּיז ער טוט זיך אויס פֿון גשמיות". ער מוז פֿון זײַנע געדאַנקען און זײַנע געפֿילן דערװײטערן אַלץ, װאָס איז אומרײן. אַ משל: אַ מענש פֿאַרמאָגט אַ נחלה און איבּער דער דאָזיגער נחלה און אין דער אײגענער צײַט װײַט פֿון איר געפֿינט זיך אַ װאַסער־קװאַל. אויב דער דאָזיגער מענש װיל באַ־גיסן זײַן פֿעלד מיטן װאַסער פֿון דעם אויבּנדערמאָנטן קװאַל, מוז ער צװישן אים און דער נחלה איבּערלײגן אַ ברײטע רער, כּדי דאָס װאַסער זאָל קאָנען דורכגײן בּשפֿע און צוקומען אַהינצו, װאו מען באַדאַרף. ער מוז זעהן, אַז די רער זאָל נישט האָבּן קײן לאָך אָדער קײן שפּאַלט אָדער עפּעס אַן אַנדער פּגם, װאָס װאָלט קאָנען אָפּהאַלטן דאָס װאַסער. װאָרום, אַז ער װעט זיך פֿוילן און נישט אַכטונג געבּן אויף איטליכס פּיצעלע, װעט זײַן גאַנצע אַרבּעט זײַן אַ בּרכה לבטלה: אָדער דאָס װאַסער װעט בּכּלל נישט דערגרײכן זײַנע פֿעלדער, אָדער דאָס רײנע און לעבּעדיגע װאַסער װעט זיך גיסן אויף אומרײנע, שלעכטע ערטער. אַ חוץ דעם װעט ער מוזן צופֿירן די רער אַקוראַט צום קװאַל גופֿא, כּדי דאָס װאַסער זאָל זיך קאָנען אַרײַנגיסן אָהן אַן אויפֿהער און בּשפֿע אין אַ פֿולער מאָס. דער דאָזיגער משל איז קלאָר װי דער טאָג. װאָרום גאָטס טבע איז דער קװאַל פֿון גנאָד פֿאַר אַלע װעלטן, און דער מענש, װער ס'װיל זיך דערנעהענטערן צו דער דאָזיגער טבע, מוז זיך שטאַרק היטן. ערשטנס, איז ער, דער מענש, געגליכן צו יענער רער, װאָס איז משפּיע אויף אַלע װעלטן. און דערפֿאַר מוז ער זיך בּודק זײַן, צי האָט ער נישט ערגעץ װאו קײן שפּאַלטן, קײן לעכער אָדער אַנדערע פּגמים, כּדי אַן אומרײנער געדאַנק אָדער אַ פֿערזענ־ליכע פּניאה זאָל זיך נישט צונויפֿמישן מיט דער געטליכער טבע גראָד אין יענער רגע, װען ער סטאַרעט זיך זי צו דערגרײכן. ער האָט נישט נאָר קײן שום השפּעה אויף די אויבּערשטע און אונטערשטע װעלטן, װען ער היט זיך נישט גענוג אָפּ, נאָר ער טוט אָן אַ גרויסן היזק די

העכסטע בחינות און שטאַרקט די סטרא אחרא (די אַנדערע זייט) דורך דעם צונויפפלאָנטערן פון דעם גוטס מיט דעם בייז *).

פרייד איז דער תמצית, דאָס אינעווייניגסטע קערנדל פון גאָט=דינען. „די פרייד גיסט זיך אַרויס פון אַ וועלט, וואָס איז כּלו שמחה, כּלו רוחניות, וואָס איז זעהר דערהויבן און רופט זיך אָן הייליגקייט און וואָס קיין מענש קאָן זי ניט תופס זיין". „דער מענש מוז זיין פרייליך, און בשעת דער דערפילונג פון די מצות מוז ער מלא שמחה זיין, וואָרום דורכדעם בינדט ער צונויף די וועלטן מיט גאָט". „און אפילו ווען ער האָט געטאָן אַן עבירה, זאָל ער נישט האָבן קיין גרויס עגמת=נפש און זיך אָפּרייסן פון דער עבודת=הבורא, נאָר ער זאָל חרטה האָבן אויף דער מעשה, כּדי זיך ווידער משמח צו זיין אין גאָט". בכלל זאָל דער מענש שטענדיג פרייליך זיין, „וואָרום אומעט און טרויער איז אַ גרויסע מניעה אויף דעם וועג צום גאָט=דינען".

אָבער דער עיקר העיקרים אין דער זאַך פון גאָט=דינען איז ביי ר' בערן די גאָטספאָרכטיגקייט. אין דערין איז ער דער היפך פונם בעל=שם, ביי וועמען דער עיקר אין דער עבודת=הבורא איז געווען די ליבשאַפט. „דער ציל, צוליב וואָס די מענשן לעבן — זאָגט ר' בער — איז די גאָטספאָרכטיגקייט, וואָרום דאָרט, וואו זי איז נישטאָ, האָט די חכמה קיין גרויסן באַטייט נישט. דער ציל פון דער חכמה איז די גאָטספאָרכטיגקייט. און הגם מען קאָן דינען גאָט אין ליבשאַפט אַזוי גוט ווי אין יראה, פאַלט דאָך פון זיך אַליין די ליבשאַפט פונם באַשעפער אויף אונזער חלק, ווען מיר סטאַרען זיך צו קריגן יראה פאַר אים". אמת טאַקע, אַז ר' בער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די פולקאָמע עבודת הבורא מוז באַשטיין אי פון ליבשאַפט אי פון מורא, כּדי יעדער פוןביידן זאָל אויספילן דעם חסרון פון דער אַנדערער. „וואָרום ווער עס דינט גאָט בלויז מחמת ליבשאַפט און התלהבות, וועט ער זיך נישט סטאַרען אָפּצוהיטן אַליין ביז אין די סאַמע קלענסטע פּרטים, אָבער דער ירא שמים וועט מקים זיין אַליין ביז אין די סאַמע קלענסטע פּרטים. צוריק גערעדט וועט יענער אָבער, וואָס איז בלויז אַ ירא שמים, טון אַליין מחמת מורא פאַר דעם מלכות, אָבער נישט מחמת ליבשאַפט צו אים". נישט

---

*) אור אמת, ז. 20; מגיד דבריו ליעקב, ז. 29; אור תורה תשא.

קוקנדיג דערויף, איז פֿאַר אים די מורא שמים געווען וויכטיגער. אָבער רעדנדיג פֿון מורא, מיינט ער נישט די פּונם געוויינטליכן מענשן, וואָס איז דאָס שרעקן זיך פֿאַר שטראָף און האָט נישט קיין ווערדע, וואָרום אַזאַ מין מורא איז נאָר אַן אויסוויינינגסטער שרעק, נאָר ער מיינט: „די אינעווייניגסטע מורא פֿאַרן באַשעפֿער, וואָס איז די יראת הכבוד פֿאַר דעם דערהויבענעם". אַזאַ מין מורא קומט דעם מענשן נישט אַזוי גרינג אָן. כּדי זי צו דערגרייכן, מוז ער זיך אָנטון אַ גרויסן כּח, ער מוז זיך היילִיגן „דורך אַ שטענדיג טראַכטן וועגן גאָט ברוך הוא". האָט מען אָבער איינמאָל דערגרייכט אַזאַ מין יראת הכבוד פֿאַר דעם אויבערשטן, וועט נישט שווער זיין תופס צו זיין די געטליכע ליבשאַפֿט. ר' בער ווייס, פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָרט, וואו עס איז פֿאַראַן ליבשאַפֿט, איז נישטאָ קיין מורא; און דאָרטן, וואו עס איז פֿאַראַן מורא, איז נישטאָ קיין ליבשאַפֿט. אָבער „דאָרט, וואו עס רעדט זיך מכּח גאָטספֿאַרכטיגקייט און ליבשאַפֿט צו גאָט, קאָנען זיי ביידע זיין אינאיינעם" *).

ט.

דאָס דאַווענען איז לויט ר' בערן דער וויכטיגסטער אופֿן פֿון גאָטדינען. „דורכן דאַווענען פֿאַרקנסט מען זיך מיט דער שכינה". „ווי נאָר אַ מענש גיט אַ זאָג: גאָט, עפֿן מיינע ליפּצן, אַזוי דרינגט אין אים אַריין די שכינה און הויבט אָן צו רעדן פֿון זיין מויל. איטליכער אות אינם דאַווענען איז „אַ גרויסע וועלט, וועלכע ציהט זיך אין דער הויך אָהן אַ סוף און אָהן אַן ברעג", און איטליכס וואָרט איז תופס אין זיך די געטליכקייט". דערפֿאַר טאָר מען נישט אַרויסרעדן די ווערטער סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר מען דאַרף זיי אַרויסרעדן מיט אַ ישוב־הדעת און כּוונה, כּדי מען זאָל קאָנען אַרויסהערן יעדן טאָן און יעדן מלעיל און מלרע". און נאָר יענער, אין וועמענס האַרצן עס פֿלאַקערט די ליבשאַפֿט צו גאָט, מעג דאַווענען גיך, וואָרום מחמת זיין גרויסער ליבשאַפֿט צו גאָט, גייען די ווערטער פֿון זיך אַליין פֿון זיין מויל אַרויס. דער מענש דאַרף דאַווענען מיט אַלע כּחות „און זיין גאַנצע נשמה אַריינלייגן אין דער תפלה".

*) אור תורה שמות; מגיד דבריו ליעקב, ז. 8, 28.

און אזוי דאַרף ער שפּרייזן פון אות צו אות, ביז ער טוט זיך אויס פון גשמיות, און ער דאַרף שטענדיג אין זינען האָבן, אַז די אותיות בינדן זיך צונויף איינער מיטן אַנדערן: דאָס איז די וועלט פונם ווערט. דערנאָך דאַרף ער שפּרייזן צו די אותיות פונם געדאַנק, נישט אויסרעדנדיג די ווערטער: דאָס וועט אים פירן צו דער וועלט פון באשאַפונג. און דערנאָך דערגרייכט ער די מדרגה פון בטל היש, „וואָרום דאַן האָט ער פאַרלאָרן אַלע קערפּערליכע כחות: דאָס איז די וועלט פון דער געטליכער אויסגיסונג, דער געטליכער אויסשפּריי־טונג, די מדרגה פון דער חכמה".

דאָס דאַווענען מוז דורכגעדרונגען זיין „פון גרויסער דבקות, גרוי־סער פרייד און גרויסער פרומקייט". עס מוז ריין זיין פון וואָסער ס'גיט איז פניאה, וואָס האָט אין זינען דעם אייגענעם נוצן. ווער עס דאַוונט, „מוז זיך פאַרגעסן און אינגאַנצן בטול ווערן אין דער תפלה פאַר דער שכינה". ער מוז זיך אויסטון פון גשמיות און צונויפנעמען אַלע כחות פון זיין גייסט, כדי אָפּצורוימען די מחיצה פון דעם וועג. ער דאַרף זיך פאַרבינדן מיט גאָט, און דעמאָלט הערט ער און זעהט אומעטום נאָר אַ געטליך לעבן, וואָרום אַלץ גייט פון אים אַרויס, מער נישט ער איז כביכול פאַרדעקט דורך פאַרשיידענע כלים.

ווי קאָן דען אַ מענש האָבן אַ וואָסערן ס'איז עולם־הזהדיגן חשק, ווען ער זעהט פאַר זיינע אויגן נאָר אַ געטליך לעבן און אַ געטליכן תענוג? דאַוונט ער אָבער ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט דער ריכטיגער דבקות, דעמאָלט „הויבן אָן צו קלינגען געזאַנגען אין אַלע וועלטן: מלאכים, שרפים און אַלע איבעריגע מחנות פונם הימל זיינען מלא שמחה, וואָרום אַלע זיינען זיי פאַראייניגט אין אים און באַ־העפט מיט אים". אַזאַ מין דאַוונען — אַ דאַוונען, וואָס ווערט באַ־לייט פון קערפּערליכע באַוועגונגען און וואָס דערפירט אַזוי וויט, אַז „מען טוט זיך אינגאַנצן אויס פון גשמיות", איז טאַקע ריין און דערהויבן, אָבער עס איז פאַראַן אַן אַנדער אופן פון דאַוונען, וואָס איז נישט ווייניגער דערהויבן, דאָס איז דאָס דאַוונען „אָהן שום קערפּערליכע באַוועגונגען".

און הגם עס דוכט זיך אויפן ערשטן אויבנאויפיגן קוק, אַז ווער עס דאַוונט אויף דעם דאָזיגן אופן, דאַוונט אָהן איבערגעגעבנקייט, איז

דאָך אויך אַזאַ מין תּפלה „דורכגעדרונגען פון ליבשאַפט, יראה און התלהבות". אַזוי קאָן נאָר דאַווענען אַ מענש, ווער ס'איז שטאַרק אויסגעבונדן מיט גאָט. „אַזאַ מין דאַווענען איז שענער, ווערט גיכער דורכגעפירט ביז צום סוף און בינדט שטאַרקער צונויף מיט גאָט, איידער דאָס דאַווענען אין באַוועגונגען. אין אַזאַ מין תּפלה געפינט דער שטן קיין איינציג פּינטעלע, וואו ער זאָל קאָנען האָבן אַ שליטה". דאַווענען באַדאַרף מען „מיט ריינע געדאַנקען און מיט אַ פאַרשטענדיג האַרץ". און טאָמער קומט איינעם בשעתן דאַווענען אַרויף אויף דעם זינען אַן אומריינע מחשבה, זאָל ער זיך דעריבער נישט מצער זיין, נאָר ער זאָל זיך סטאַרען בעסער צו מאַכן די דאָזיגע מחשבה און אַריינצוברייגנען זי אין דעם ריכטיגן סדר, „וואָרום יעדער זאַך האָט איר צייט. אין דער טיפעניש פון ביז ליגט אַ פונק, וואָס הייסט נערה (נערה—מיידל, פון דעם שרש נער, אויפגעטרייסלט ווערן). דער דאָזיגער פונק ווערט אויפגעטרייסלט און סטאַרעט זיך צו באַהעפטן מיט זיין שרש. אַז עס קומט די צייט, ווען ער ווערט פאַרטיג פאַר דער עליה צו דער הייליגקייט, מוז זיך דער מענש געבן אַ שטאַרקן טרייסל, וואָרום די אומריינע מחשבה קומט נישט צו אים גלאַט אַזוי זיך, נאָר איז אויסן אים צו דערהויבן. און אם לא עכשיו אימתי, ווען נישט איצט, טאָ ווען זשע?" *).

מען קאָן נישט נאָר דאַווענען „אָהן שום באַוועגונג", נאָר מען קאָן זיך אויסמאָלן אַ דאַווענען אָהן שום אויסווייניגסטער טוּאונג בכלל, ד. ה. אַ דאַווענען, וואָס זאָל זיך אָפּטון נאָר אינעווייניג אין האַרצן. ר' בער זאָגט: „מען קאָן דינען גאָט אויף אַזאַ אופן, אַז נישט די אַרומיגע מענטשן זאָלן עפּעס דערפון געוואָר ווערן און נישט דער מתפלל גופא זאָל מאַכן וואָסערע ס'ניט איז באַוועגונג, ד. ה. מען קאָן גאָט־דינען אינעווייניג אין דער נשמה, דערפאַר אָבער מוז די נשמה ברענען אין ליבשאַפט צו גאָט". ער זאָגט אַ חוץ דעם אויך אַזוי, ווי זיין רבי דער בעל־שם: „אָפטמאָל מוז מען דינען גאָט נאָר מיט דער נשמה אַליין, ד. ה. אין מחשבותן".

---

*) אור אמת, ז. 9, 130, 157, 166; מגיד דבריו ליעקב, ז. 18, 19, 39, 40; אור תורה תבא.

דער רייכער הייליגער געדאַנק איז העכער און חשובער פֿאַר אַלצדינג: ער איז „אַ גאַנצע וועלט“ פֿאַר זיך אַליין, ער איז פֿאַרקניפּט און אויסגעפֿונדן מיט „דעם העכסטן געדאַנק“, „מיט דער וועלט פֿון די געדאַנקען“. דורך די געדאַנקען באַהעפֿט זיך דער מענש מיט גאָט „און קוקט אויף דעם בורא יתברך מיט זיין גייסטיגן אויג, אַקוראַט ווי מען קוקט אָן אַ מענשן, און אויך דער בורא קוקט אויף אים אַקוראַט ווי אַ מענש“. גאָטס נאָמען דאַרף זיך תמיד „געפֿינען אינם דייגקען פֿונם מענשן; דאַן איז ער צוגעפֿגעבונדען מיט גאָט“. אַ געדאַנק, וואָס איז נישט פֿאַרבונדן מיט גאָט, איז פֿאַרבונדן מיט גשמיותדיגע זאַכן, אָבער אויך אין גשמיות איז דאָס געטליכע פֿאַראַן. אַ מענש, וואָס איז דערוועקט אינם פּרט פֿון רוחניות, קאָן דערקענען דאָס געטליכע אין איטליכן געדאַנק, מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך. דער מענש דאַרף „אויסטון“ זיין נשמה „פֿון גשמיות, כּדי זי זאָל איינגעוויקלט זיין אין געדאַנקען“ — אין ריינע, הייליגע געדאַנקען, וואָס זיינען באַהעפֿט מיט גאָט. דאָס איז דער לעצטער ציל פֿונם מענשן. ער דאַרף „ווייניג לערנען“, כּדי זיין גייסט זאָל זיין פֿריי און כּדי ער „זאָל קאָנען שטענדיג טראַכטן וועגן דער גרויסקייט פֿונם בורא יתברך“. און דערפֿאַר „איז בעסער צו שווייגן, ווייל שווייגנדיג קאָן מען גיכער טראַכטן מכּח דער גרויסקייט פֿון גאָט און זיך מיט אים באַהעפֿטן, איידער רעדנדיג“.

דאָ ווייזט זיך אַרויס די השפּעה פֿון אַרי״ס קבלה, וואָס לערנט אונז, אַז דער מענש דאַרף „שפּאָרעוודיג זיין מיט ווערטער און שווייגן אַזוי פֿיל, וויפֿיל עס לאָזט זיך“. דער געדאַנק מוז אויף אַזאַ אופֿן הייליג און ריין זיין. טאָמער טרעפֿט זיך אַמאָל, אַז עמיצן קומט אַרויף אויפֿן זינען אַן אומריינע מחשבה, מוז ער קריגן גרויס פּחד, ד. ה. ער מוז זיך שעמען פֿאַר גאָט: „גאָט איז דאָך דאָ, און ווי קאָן מען טראַכטן וועגן אַזוינע דברים בטלים“. ער מוז „זיך געבן אַ טרייסל“ און „דערהויבן“ דעם אומריינעם געדאַנק „צו דער מדרגה פֿון הייליגקייט“, וואָרום אָפּטמאָל „לאָזט זיך דער גייסט אַראָפּ פֿון דער אויבערשטער וועלט און קומט צום מענשן, כּדי אים אַרויסצופֿירן פֿון דעם מצב פֿון דער שבירה“.

ווי אַזוי אַרום זאָל דער מענש דערהויבן דעם געדאַנק צו זיין

שרש ? אָט למשל : ווען ער טראַכט פון אַ שלעכטער ליבע, פון אַ מעשה נואף, זאָל ער די דאָזיגע ליבע דערהויבן צו איר שרש, דער געטליכער ליבשאַפט. און אַזוי אויך בנוגע צו געדאַנקען פון אומווערדיגער מורא, ווי למשל, שנאה, דערהויבנדיג זיי צום שרש פון יראת שמים ; אָדער בנוגע צו געדאַנקען פון גאוה, דערהויבנדיג זיי צום שרש פון לויבן גאָט און אַזוי ווייטער. דינענדיג גאָט און טראַכטנדיג פון גאָט, טאָר מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין דעם, אַז דער דאָזיגער גאָט איז אַ גייסטיגער מהות. מען דאַרף נאָר דינען „אַ גאָט, וואָס האָט גישט קיין שום געשטאַלט און איז כלו רוחניות. כאָטש גאָט איז פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט, כאָטש ער פילט אויס און נעמט אַרום גאָר די באַשאַפענע וועלט, מלא כל הארץ כבודו, דאַרף מען דאָך פונדעסטוועגן דינען נאָר דעם תמצית פון זיין פראַכט און גרויסקייט, און נישט יענע זאַכן, אין וואָסערע די דאָזיגע פראַכט און גרויסקייט וויקלט זיך איין" *).

י.

דאָס פאָלק ישראל און זיין לאַנד זיינען דאָס קערנדל פון דער גאַנצער בריאה. אויב די גאַנצע וועלט האָט אַ קיום, איז דאָס נאָר צוליב זיי. „ציון — זאָגט ר' בער — איז דער מיטלפונקט פון דער וועלט, עס איז די קראַפט, וואָס באַלעבט די וועלט. איטליכס לאַנד האָט זיין חלק אין ציון און פון דעם דאָזיגן חלק ציהט עס זיין חיות". און אַזוי איז עס אויך בנוגע דעם פאָלק ישראל צווישן די אַרומיגע פעלקער : דאָס פאָלק ישראל איז דער מיטלפונקט פון די פעלקער. די „אומות העולם האָבן אינם פאָלק ישראל זייער חלק, און פון אים ציהען זיי זייער חיות". דאָס פאָלק ישראל איז חשובער פאַרן לאַנד און פאַרמאָגט אַ גרעסערן באַטייט : „עס איז דאָס לעבן פון אַלע וועלטן, פון די אויבערשטע אַזוי גוט, ווי פון די אונטערשטע, און עס ציהט אויף זיי אַראָפּ די שפע פון דער געטליכער גנאָד".

דאָס פאַרהעלטעניש צווישן פאָלק ישראל און גאָט איז געגליכן צום פאַרהעלטעניש צווישן אַ פאָטער און זיין זון. „דאָס בילד פון זון

*) אור אמת, ז. 6, 130, 160; מגיד דבריו ליעקב, ז. 1, 26; אור תורא תשא

איז איינגעגראָבן אין דעם גייסט פונם פאָטער". און אַפילו ווען דער זון געפינט זיך ווייט פון פאָטער, „איז דער פאָטער מצמצם זיין גייסט און זעהט דאָס בילד פון זיין זון פאַר זיינע אויגן. און אַזוי איז זיך אויך הקב"ה כביכול מצמצם". דעם דאָזיגן שיינעם געדאַנק זאָגט ר' בער אַרויס אין אַן אַנדער אָרט אָט אויף וואָסערן אופן: ווען אַ פאָטער האָט האָלט זיין זון, איז דאָס בילד פון זון איינגעגראָבן אינם טאָוול פון זיין האַרצן; און ווען ער זעהט, אַז דער זון טוט אַ פאַרשטאַנדיגע און פרומע זאַך, קוקט ער אים אָן, און בשעת ער קוקט אים אָן, געפינט זיך שוין דאָס איינגעגראָבענע בילד פונם זון ווידער אינגאַנצן אין דעם זון גופא, וואָרום דער פאָטער ווענדט אין דער דאָזיגער רגע זיינע אויגן און זיין האַרץ צום זון, און דאָס אַריינגעגראָבענע בילד איז שוין אַפילו אין די אויגן פונם פאָטער נישט מער קיין באַזונדערע נעשטאַלט פאַר זיך אַליין. דערנאָך אָבער, ווען דער זון האָט שוין אָפּגעטאָן די פאַרשטאַנדיגע און פרומע זאַך, ווערט דער פאָטער זעהר אויפגעלייגט, ער האָט אַ גרויסע הנאה און איז זיך משמח מיט דעם בילד פונם זון, וואָס איז איינגעבאַקן ביי אים אין האַרצן און וואָס באַקומט אין יענער רגע אַ גרויסע עליה . און דאָס דאָזיגע בילד איז אין דער אמתן דער פאָטער גופא, מער נישט עס האָט אָנגענומען די געשטאַלט פונם זון. „און איצט גיב נאָר אַ קוק: בשעת עס איז אַריינגעקומען אין דער ערשטער מחשבה, אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל געבאָרן ווערן אויף דער וועלט, האָט ער אים מחמת גרויס ליבשאַפט איינגעגראָבן אין זיין כסא הכבוד. און אַז מיר טוען אויף גרויסע זאַכן, איז זיך גאָט ברוך הוא כביכול משמח מיט זיי, און דאָס איינגעגראָבענע בילד הויבט אָן צו ווירקן אין אים און עס ווערט כביכול נתעלה אין אים. דאָס דאָזיגע איינגעגראָבענע בילד איז אָבער אין תוך גערעדט דער פאָטער גופא, מער נישט עס האָט זיין קיום לויט דער געשטאַלט פונם זון" *).

דאָס פאָלק ישראל איז אַזוי אויסגעבונדן און באַהעפט מיט גאָט, אַז עס איז אוממעגליך זיי אָפּצוזונדערן איינעם פון דעם אַנדערן. אײנעם אָהן דעם אַנדערן קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. אַז מען נעמט

*) מגיד דבריו ליעקב, ז. 21, 27; אור תורה בראשית, וארא, בשלח, ויחי.

דאָס בילד פון איטליכן באַזונדער, מאַכט עס דעם רושם פון אַ זאַך, וואָס איז אומפּולקאָם און אָהן אחדות צווישן אירע טיילן. זיי זיינען אַזוי ווי אַ פאָטער און אַ זון, וואָס האָבן זיך האַלט איינער דעם אַנדערן און „בּיינקען איינער נאָך דעם אַנדערן". איטליכער פאַר זיך איז נישט פולקאָם און נאָר אַ העלפט, אינאיינעם אָבער זיינען זיי אַ גאַנצע און פולקאָמע זאַך. און דערפאַר „אַז מען זאָגט אַרויס וואָסערע ס'ניט איז מיינונג וועגן פאָלק ישראל, זאָגט מען אין דער אייגענער צייט אַרויס אַ מיינונג וועגן גאָט, וואָרום גאָט און ישראל זיינען איינס".

פונקט אַזוי ווי דאָס פאָלק ישראל איז דער מיטלפונקט פון דער גאַנצער בריאה, אַזוי איז אויך דער צדיק דער מיטלפונקט פונם פאָלק ישראל. דער צדיק איז דער איבּערמענש פונם חסידיזם. דאָס געפיל יידנטום שטעלט אַוועק דעם צדיק אין דעם רעכטן מיטן פונם לעבן. אָבער די העכסטע מדרגה דערגרייכט דער צדיק ערשט אינם חסידיזם. דער פאָטער פונם חסידיזם, דער בעל־שם, האָט אַוועק־געגעבן דעם צדיק אַלע קנינים פון ד ע ר און י ע נ ע ר וועלט.

זיינע תלמידים זיינען נאָך ווייטער געגאַנגען. „דער צדיק — זאָגט ר' בער — איז דער מיטלפונקט פון די וועלטן", ער „גע־וועלטיגט איבער אַלע אויבערשטע וועלטן, ער באַוועגט און צעטרייסלט זיי און דערוועקט אויף דעם העכסטן רצון". „דאָס אַרויפ־הייבן און אַראָפּלאָזן זיך פון די קרעפטן פון איין וועלט צו דער אַנדערער, אַפילו אין די העכסטע תחומים, ווערט געמאַכט דורך דעם צדיק". אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין די אויבערשטע וועלטן, ווענדט זיך אָן אים; און אַלץ, וואָס עס ווערט געבאָרן אין דעם צדיקס נשמה אויף דער וועלט, ווערט אויך געבאָרן אין די אויבערשטע וועלטן". למשל: „אַז אינם צדיק ווערט געבאָרן אַ ליבשאַפט, ווערט זי געבאָרן אויך אין די אַנדערע וועלטן" וכדומה. און אפילו איבער גאָט אַליין האָט דער צדיק אַ שליטה (אין אַ געוויסער מאָס). „גאָט ברוך הוא דיינקט, וואָס דער צדיק דיינקט". דער צדיק זעהט אַלצדינג, קיין שום זאַך איז פאַר אים נישט באַהאַלטן: „זיין אויג, וואָס איז דורך און דורך גייסטיג, קאָן תופס זיין די אויבערשטע וועלטן, וואָס געפינען זיך אין דער תורה". די תורה, ווי זי איז איצט, איז באַגרעניצט (מצומצמת), אַזוי אַז כמעט איטליכע מצוה און איטליכער פאַרזאָג איז אָפּגעוואויגן

און אָפּגעמאָסטן, מחמת מען וואָלט איצט איר ליכטיגקייט נישט געקאָנט אויסהאַלטן, אָבער אין משיחס צייטן וועט מען זי ערשט דערקענען, ווי זי איז אויף אַן אמתן.

וואָס איז דער מהות פונם צדיק? און וואָס באַשטייט זיין כח? „דער צדיק — זאָגט ר׳ בער — איז שטענדיג איבערגעגעבן דער עבודת הבורא מיט לייב און זעל, איז שטענדיג און אָהן אַן אויפהער צוגעבונדן צו דער קדושה“. ער איז מיט גאָט פּונקט אַזוי שטאַרק אויסגעבונדן און באַהעפט, „ווי דער זונה מיט דער זונה, וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידן“. מהאי טעמא ווערט ער אָנגערופן „שרף“, „צוליב דעם פלאַמפייער פון הימל, וואָס פלאַקערט אין אים“. ער „טוט אָפּ פשוטע מעשים, מעשים של חול אינם נאָמען פון דער הייליגקייט און דערהויבט זיי ביז צו דער הייליגקייט, וואָרום אַלצדינג, וואָס ער טוט, טוט ער אָפּ אינם נאָמען פון גאָט“. ער „מאַכט עס פאַרקערט, ווי גאָט מאַכט: הקב״ה האָט באַשאַפן דעם זיין פון דעם נישט-זיין, ער אָבער מאַכט דורך זיינע מעשים פון דעם נישט-זיין דעם זיין. וואָרום ביי איטליכער טואונג, וואָס ער טוט אָפּ, אַפילו ביי טואונגען פונם גוף, ווי דהיינו, עסן, הויבט ער אַרויף פונקען אין דער הויך“. אַפילו פּראָסטע ווערטער, ווערטער פונם טאָג-טעגליכן לעבן, בינדט ער צונויף מיט גאָט.

דער צדיק איז געגליכן צו אַ בוים: „פּונקט אַזוי ווי די זריעה, וואָס מען וואַרפט זי אין דער ערד אַריין, זאַפּט אין זיך איין די זאַפטן פון דער ערד, כדי צו מאַכן פון זיי דערנאָך פּרות, פּונקט אַזוי נעמט אַרויס דער צדיק פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט די הייליגע פונקען, וואָס ליגן אין זיי, וואָס וואָרצלען אין זיין נשמה, און דערהויבט זיי ביז צום בורא יתברך“. און אַזוי אַרום דערהויבט ער אַלצדינג, „וואָס עס געפינט זיך אין דעם תחום פון שטיינער, געוויקסן, חיות און מענשן“.

דער צדיק קאָן קיינמאָל נישט אַראָפּפאַלן פון זיין הויך. ער קאָן צונויפקומען מיט פושעים און בעל-עבירהניקעס, אָבער ער וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פונם רעכטן וועג: „און דאָס הייליגע פלייש וועט קיינמאָל נישט באַקומען קיין שלעכטן ריח; ווער עס איז געמאַכט פון הייליג-פלייש, ד. ה. ווער עס איז פולקאָם גערעכט (צדיק), דער וועט קיינמאָל נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער שליטה פון דער זינד, אַפילו ווען ער קומט זיך צונויף מיט זיי (מיט די פושעים)“.

און טאָמער דוכט זיך אויס אַמאָל, אַז דער צדיק טרעט אָפּ פון דעם רעכטן וועג און פאַלט אַראָפּ פון זיין מדרגה, איז דאָס אין דער אמתן קיין ירידה נישט, וואָרום איטליכע ירידה פון אַ צדיק האָט פאַר זיך דעם ציל נתעלה צו ווערן; און בעת דער צדיק טוט זיך אָן אַ כח, כדי אומצו־קערן זיך צו זיין ערשטער קראַפט, ווערן בשעת מעשה באַשאַפן נייע נשמות. דער צדיק ווערט געשיקט פון גאָט, כדי צו דערוועקן די מענשן צו תשובה און מעשים טובים. און טאַקע צוליב דעם מוז ער זיך אָפּט אַראָפּלאָזן פון זיין קדושה און רעדן מיט די מענשן פּראָסטע דבורים. „אַמאָל איז אַ בן־מלך געגאַנגען אין דאָרף אַריין, כדי דאָרטן אַרויסצוגע־פינען אַן אוצר. ער מוז זיך אָנטון אין פּויערשע מלבושים, כדי מען זאָל אָן אים נישט דערקענען דעם בן־מלך, אים אויסזאָגן אַלע סודות און ווייזן דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך דער אוצר. אַזוי איז עס אויך מיטן צדיק. ער רעדט פּראָסטע דבורים, וואָס ער באַהעפט מיט גאָט, ווייל ער אַליין איז אויסגעבונדן מיט אים“.

דער צדיק קאָן בפועל ממש באַווייזן, אַז אַלע מענשן, וואָס ווערן הייליג דורך זיין קדושה, קאָנען האָבן אַ חלק אין דער ליבשאַפט צו גאָט און אין דעם גרויסן זיך מיט גאָט. ער רופט זיך אָן „שפּיגל, ווייל איט־ליכער ווער עס קוקט אַריין, זעהט אין אים זיך אַליין“ *).

יא.

אונטער ר׳ בערס הנהגה האָט זיך דער חסידיזם אַנטוויקלט אויף אַ רוהיגן אופן און מצליח געווען. אין וואָלין און פּאָדאָליע האָט ער זיך גיך פאַרשפּרייט און צוגעצויגן צו זיך די דאָרטיגע קהלות און אַלע יידישע אינסטיטוציעס. אַנדערש איז אָבער געווען דער מצב אין ליטע. אמת, אַז אויך אין ליטע האָט דער חסידיזם צוגעצויגן צו זיך אַ סך מענשן, אָבער דאָ האָט ער געמוזט אַרבעטן בסוד. די חסידים האָבן זיך דאָ אָר־גאַניזירט אַלס אַ „באַהאַלטענע כתה“ און זייער תורה איז פאַרשפּרייט געוואָרן בעל פּה נאָר צווישן די „אויסדערווײלטע“, וואָס זיינען מסוגל

*) אור תורה, בהעלותך, אמור, וישלח; אור אמת, ז. 5, 43; מגיד דבריו ליעקב, ז. 4, 5, 33, 36.

געווען זי צו פֿאַרשטיין. אַזאַ מין מצב אָבער האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג האַלטן. סוף כּל סוף האָט מען געמוזט געוואָר ווערן פֿונם סוד. די חסידישע תּורה איז מיט דער צייט באַקאַנט געוואָרן אויך אין אַזוינע טיילן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט פֿונם חסידיזם, און האָבן אַרויסגערופֿן דעם גרימצאָרן פֿון די ליטווישע רבנים און לומדים מיט דעם ווילנער גאון און זיינע תּלמידים בראש. מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן האָבן זיי אויסגערופֿן: „אפֿילו פֿון טפּשים און משוגעים קאָן מען שווין הערן די ווערטער: אין איטליכן אָרט און אין איטליכער זאַך געפֿינט זיך די פֿולקאָמע געטליכקייט“.

צו אַזאַ מין גרימצאָרן האָט אַ סך גורם געווען די באַוואוסטע חסידישע כּתּה פֿון ר׳ אברהם קאָליסקער. ר׳ שניאור-זלמן דער לאַדיער האָט מכח דער דאָזיגער כּתּה אָט וואָס געשריבן: „דעם גאַנצן טאָג טרייבן זיי קאַטאָוועס, מאַכן חוזק פֿון תּלמידי-חכמים אויף אַ פּוסטן ליצנישן אופֿן, גייען אויף די קעפּ ווי פּאַקוסניקעס וכדומה. עס איז ממש אַ חילול השם פֿאַר די גוים. אין די גאַסן פֿון קאָליסק און לאָזשנע פּראַווען זיי נאָך אַנדערע משוגענע שטיק“.

די דאָזיגע שטיק האָבן געבראַכט אין כּעס אַזאַ איבערגעגעבענעם חסיד, ווי ר׳ שניאור-זלמן, הייַנט וואָס זאָל מען שווין זאָגן פֿון די מתנגדים. כּדי נישט צוצולאָזן צו אַן אָפֿענעם קאַמף, האָט ר׳ בער, וואָס האָט זיך געהאַט באַזעצט אין ראָוונע, געמאַכט ווינטער אינם יאָר 1772 דעם פּרוב איבערצושיקן קיין שקלאָוו ר׳ אברהם דעם קאָליסקער און ר׳ שניאור-זלמנען דעם לאַדיער, כּדי זיך דאָרט מתווכח צו זיין מיט די מתנגדים איבער דעם מהות פֿון חסידיזם. די פּרטים פֿון דעם דאָזיגן וכּוח, ווי אויך די נעמען פֿון די בעלי-הוכּוח, זיינען אונז נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר, אַז עס וואָלט אפֿשר צום קאַמף נישט געקומען, ווען די קאָליסקער חסידים וואָלטן זיך אַנדערש אויפֿגעפֿירט. וואָרום אַז מען האָט ר׳ אברהם דעם קאָליסקער געפֿרעגט מכּח די געגנ פֿון זיינע חסידים, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

חודש ניסן 1772 האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די חסידים און די מתנגדים. דער ווילנער גאון אינאיינעם מיט זיינע אנשי שלומו האָבן די חסידים אַריינגעלייגט אין חרם. די מתנגדים האָבן דעם דאָזיגן חרם געפֿאָלגט. זיי האָבן אָנגעטאָן יסורים צוויי ווילנער חסידים, וואָס

האָבן פריהער געהערט צו די תלמידים פונם ווילנער גאון. דאָס זיינען געווען דער מגיד ר׳ חיים און ר׳ איסר פון ווילנע. ר׳ איסרן האָט מען אַוועקגעלייגט אויפן עמוד אין שול און געשלאָגן פאַר דעם גאַנצן עולם אין די אויגן. דער ווילנער גאון איז דערמיט נאָך נישט צופרידן געווען. לויט זיין מיינונג איז דאָס געווען אַ קליינע שטראָף: „אַז איך וואָלט געווען ביכלת — האָט ער אויסגערופן אין כעס — וואָלט איך מיט זיי געטאָן דאָס, וואָס די יידן האָבן אַמאָל געטאָן מיט דעם נביא השקר מתן".

דעם גאונס חרם איז באַקאַנט געוואָרן אין אַלע ליטווישע שטעט, און אומעטום האָבן זיך די מתנגדים נוהג געווען מיט די חסידים לויט דעם גייסט פון דעם דאָזיגן חרם. אין פינסק, וואו ר׳ ליב-יצחק, אַ תלמיד פון דעם מגיד, איז געווען רב, האָט זיך אַ מחנה מתנגדים אַריינגעריסן אין זיין שטוב, צעבראָכן אַלצדינג, וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען, און האָבן אים געמאַכט אויס רב. ר׳ ליב יצחק איז דעמאָלט גראָד געווען אין ראָוונע, וואו דעם מגידס תלמידים זיינען זיך צונויפגעפאָרן האַלטן אַן עצה. אַז ער האָט דעם מגיד פאָרגעלייענט דעם בריוו, וואו מען האָט מודיע געווען איבער די פאַסירונגען אין פינסק, האָט יענער געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געפילט, אַז ער איז נישט גענוג שטאַרק צו פירן אַ קאַמף קעגן די מתנגדים. ער האָט געזעהן, אַז דער חסידיזם געפינט זיך אין אַ סכנה און האָט נישט געהאַט די העלדישקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן זיינע שונאים.

ר׳ בער איז אַזוי אויך געווען אַ חלוש און די אַלע דאָזיגע פאַסירונגען האָבן נאָך מער פאַרשוואַכט זיין געזונט. די חסידים האָבן מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיך מיט אים חלילה נישט טרעפן קיין אומגליק, און אַ חוץ דעם זיינען זיי געווען שטאַרק צעטראָגן וועגן דעם גורל פון חסידות. זיי האָבן געזעהן, ווי די זון, וואָס האָט געלויכטן איבער דעם גאַנצן חסידיזם, האַלט ביים פאַרגיין. אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט האָט זיך ר׳ בער באַזעצט אין אַנאַפּאָלי. דאָרטן איז ער געשטאָרבן דעם 19-טן כסלו פונם יאָר 1772. אויף זיין קבר שטייט אַ פּראָסטע מצבה פול מיט שבחים. נאָך דעם טויט פונם מגיד איז חסידות געבליבן פאַריתומט. דער קאַמף קעגן דער באַוועגונג האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן. די מתנגדים האָבן דערזעהן אינם טויט פונם מגהיג אַ צייכן מן השמים, אַז

אצבע אלהים. זיי האָבן זיך געפרייט, ווייל זיי האָבן געמיינט, דער חסידיזם וועט אַוועקשטאַרבן אינאיינעם מיט זיין מנהיג. אָבער באַלד איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן, אַז זייער שמחה איז געווען אַביסל צו פריה.

יב.

אין דער דאָזיגער פינסטערער צייט, בעת דער חסידיזם איז געבליבן אָהן אַ קאָפּ, אָהן אַ מנהיג, האָט אים דער חרם צוגעגעבן מוט און כח און האָט אים אין אַ געוויסער מאָס געצוואונגען אָנהויבן צו פירן אַ קאַמף כּלפּי חוץ, כּדי זיך צו באַשיצן. אין דעם האָט ער געקליבן נייע כּחות. אָנשטאָט דעם איין איינציגן מיטלפּונקט, מעזשירימש, זיינען איצט נאָך דער פּטירה פון ר׳ בערן אויסגעוואַקסן עטליכע מיטלפּונקטן אין פאַרשיידענע מדינות. איטליכער מיטלפּונקט איז געווען צוגעפּאַסט צו די מנהגים און דעם לעבנס־שטייגער פון דער אָדער יענער מדינה.

ר׳ בערס תּלמידים זיינען זיך צעפאָרן אין די ערטער, פון וואַנען זיי שטאַמען, אין גאַליציע, ליטע, אוקראַינע און פּוילן, און איטליכער פון זיי האָט זיך געסטאַרעט צוציהען אויף יעדן אָרט נייע קרעפטן צום חסידיזם און צו באַשיצן זיין כּבוד. אַזוי אַרום האָט זיך דער חסידיזם אָנגעהויבן אומעטום איינצוואָרצלען, נישט קוקנדיג אויף דעם חרם. די מנהיגים זיינען נישט געזעסן אין דער היים, כּדי צו דרשענען זייער תּורה פאַרן פאָלק, נאָר פלעגן אַליין גיין צו אים, נישט וואַרטנדיג ביז דאָס פאָלק זאָל צו זיי קומען. פאַר זייערע אויגן האָט זיך תּמיד געטראָגן אַן איבערלעבעניש, וואָס דער רבּי האָט זיי אַמאָל דערציילט. „אַמאָל — האָט דער בעל־שם דערציילט, — האָב איך געטראָפן אויפן וועג צום הימל משיחן און איך האָב אים געפרעגט, ווען ער וועט קומען. דערויף האָט ער מיר געענטפערט: „איך וועל קומען דעמאָלט, ווען אַלע דיינע געדאַנקען און אַלע די סודות, וואָס איך האָב דיר געהאַט אַנטפּלעקט, וועלן באַקאַנט ווערן אויף דער גאַנצער וועלט“. און די תּלמידים האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז דאָס פאָלק ישראל וועט ניט אויסגעלייזט ווערן, איידער זיין תּורה וועט איינגעמען די וועלט, די תּורה פון יענעם מענטשן, פאַר וועמען מלאָכים און שרפים האָבן געציטערט.

און די דאָזיגע גאולה איז טאַקע געווען זעהר געוואונשן. מען האָט

געפילט, ווי מען ווערט פאַרשוואַכט פון טאָג צו טאָג, ווי מען גייט אויס פון די כחות, און אַז מען קאָן שוין נישט מער אויסהאַלטן. נאָך אַביסל — און מען וועט שוין נישט זוכה זיין צו דער אויסלייזונג, און דערפאַר טאַקע מוז מען זיך צואיילן, וויפיל עס לאָזט זיך נאָר; מען מוז זיך צואיילן און מאַכן די חסידישע אידייען פאַר אַ קנין פון דעם גאַנצן פאָלק, כדי צו דערנעהענטערן די גאולה. און די תלמידים האָבן זיך געטאָן זייערס, זיי האָבן געדרשנט אויפן מאַרק און אין די שולן פון דער בימה, זיי פלעגן אַרומפאָרן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער און פון איין דאָרף צו דעם אַנדערן, און אומעטום, וואו זיי זיינען געקומען און האָבן געפונען אַ יידישע קהלה, האָבן זיי פאַרפלאַנצט די חסידישע תורה. אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז די דאָזיגע נסיעות לשם אַגיטאַציע זיינען געווען פאַרבונדן מיט סכנות, וואָרום די קהלות זיינען אָפט באַשטאַנען פון שונאים, אָבער דעם בעל־שמס תלמידים האָבן זיך דערפאַר נישט גע־שראָקן. מסירות, זידלערייען, נויט און רחקות — אַלץ האָבן זיי מקבל באהבה געווען צוליב זייער אידעאַל. קיין שום זאַך אויף דער וועלט האָט זיי נישט געקאָנט אָפּהענטיג מאַכן. העלדיש האָבן זיי געטראָגן די פאָן פון חסידיזם, און אונטער דעם צייכן פון דער דאָזיגער פאָן האָבן זיי זיך דורכגעבראָכן אַ וועג מיט אַ פעסטן טראָט. זיי האָבן תמיד גע־אַרבעט פאַר זייערע אידייען, וואו און ווען זיי האָבן נאָר געקאָנט, זיי פלעגן זיך נישט פאַרנעמען בלויז מיט דער פאַרשפרייטונג פון דעם חסידישן רעיון צווישן דעם פאָלק, נאָר פלעגן זיך סטאַרען אַרויפצוהייבן דאָס פאָלק אויף אַ העכערער מדרגה און אויך אים צו העלפן אין זיין נויט.

אין דעם דאָזיגן פרט האָט זיי דער בעל־שם געוויזן אַ גוטן ביישפיל. אויף זיינע נסיעות האָט ער אָפט מאָל געהאַט די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם ביטערן מצב פון די מיטעלע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג און פלעגט זיך סטאַרען צו פאַרגרינגערן די שווערקייט פון די שלעכטע פאָראָנדקעס, וואָס האָבן דאָרט געוועלטיגט. ערגער פאַר אַלעמען האָבן געלעבט די אַזוי אָנגערופענע אַרענדאַרעס און ישובניקעס. רחקות, פאַרשקלאַפונג, כלערליי דערנידערונגען און די שטענדיגע סכנה מצד די פריצישע קאַפריזן — דאָס איז געווען דער גורל פון די אַרענ־דאַרעס אין יענער צייט. און נישט קוקנדיג אויף דעם, פלעגן זיך אַלע

װאָרפֿן אויף דער דאָזיגער „פּרנסה", און איטלעכער איינער פֿלעגט קאָנקורירן מיט דעם צװייטן. די דאָזיגע קאָנקורענץ פֿלעגט זיך אויסלאָזן מיט מסירות, מחלוקת און חלול השם. דער בעל־שם פֿלעגט זיך אַריינמישן און מאַכן שלום צװישן די בײדע קעגנערישע צדדים. היות, װי ער איז געװען אַ מבֿין אין דאָקטאָריע, פֿלעגן אים אָפּט די פּריצים רופֿן צו זיך, און אין דער פּריצישער געזעלשאַפֿט פֿלעגט מען פֿון אים שטאַרק האַלטן. די דאָזיגע חשיבֿות בײ די פּריצים פֿלעגט ער אויסנוצן לטובֿת די ייִדן. און זײענדיק פֿאַר זײ אַ מליץ־יושר כּלפּי חוץ, פֿלעגט ער זיך אין דער אײגענער צײט סטאַרען צו מאַכן שלום צװישן זײ בײ זײ אין דער הײם. ער פֿלעגט זײ מתרה זײן פֿאַר די שלעכטע פּועל־יוצאס פֿון דער קאָנקורענץ. און זײנע תּלמידים זײנען אויך געגאַנגען אין זײנע דרכים. זײ פֿלעגן זיך פֿלײסן צו פֿאַרגרינגערן דעם שװערן מצבֿ פֿון די ייִדישע ישובֿניקעס. אַ סך פֿון די דאָזיגע ישובֿניקעס זײנען אַרויסגעטריבן געװאָרן פֿון די דערפֿער. זײ זײנען אַרויסגעװאָרפֿן געװאָרן אויף דער גאַס, װאו זײ זײנען צעשטאָרבן פֿון הונגער; אַ סך פֿון זײ האָט מען אַרײנגעזעצט אין תּפֿיסה.

אין יענער צײט טרעפֿן מיר ר' בערס בײדע תּלמידים, ר' נחום טשערנאָבילער און ר' שניאור־זלמן לאַדיער, אין פֿאַרשײדענע שטעט, װאו זײ קלײבן נדבֿות לטובֿת פֿון די אַרויסגעטריבענע און לטובֿת פֿון די, װאָס זיצן אין תּפֿיסה. קײן אַרבעט אין דער דאָזיגער ריכטונג איז פֿאַר זײ נישט צו שװער געװען, און זײ האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַלע מניעות און שװעריקײטן.

דערװײל האָט דער חרם אָנגעטאָן צרות, אַרויסרופֿנדיק שנאה, מסירות און מחלוקת צװישן ברידער. באַזונדער האָבן דערפֿון געליטן די ליטװישע חסידים. עס איז דערגאַנגען אַזױ װײט, אַז זײערע באַװאוסטע פֿירערס, ר' מענדל װיטעבסקער, ר' אַבֿרהם קאַליסקער און ר' ישׂראל פּאָלאָצקער און נאָך דרײ הונדערט חסידים האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן ליטע און אַװעקפֿאָרן קײן ארץ־ישׂראל. אָבער די דאָזיגע עמיגראַציע איז פֿאַר חסידות געװען אַ גליק. װאָרום דורך די עמיגראַנטן איז חסידות געקומען קײן ארץ־ישׂראל, און די ספֿרדישע ייִדן זײנען מיט איר באַקאַנט געװאָרן; פֿריִער האָבן זײ געקענט דעם חסידיזם בלויז נאָך דעם נאָמען נאָך דורך ר' גרשון קאַטאָװער, דעם תּלמיד און שװאָגער פֿונם בעל־שם,

וואָס האָט זיך דאָרטן געהאַט באַזעצט. ער האָט זיי דערציילט מפּה דעם באַטייט פונם בעל־שם, אָבער דער תּמצית פון חסידות איז זיי ערשט באַקאַנט געוואָרן דורך ר׳ מענדלען און זיין קאָמפּאַניע. די ארץ־ישראלדיגע יידן האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד, אָבער ער האָט, משמעות, נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו משפּיע צו זיין אויף זיי לטובת חסידיזם. דורך אים איז טבריה געוואָרן אַ מקום־מקלט פאַרן חסידיזם, אַזוי אַז ר׳ מענדל האָט עס געקאָנט אָנרופן דעם גרעסטן און חשובסטן מיטלפּונקט פון חסידות. ער פלעגט איבערחזרן כּמה מאָל, אַז ארץ־ישראל איז אַ פּאַסיגער אָרט פאַרן חסידיזם און אַז ער קאָן נאָר פון דאַנען אַרויסשטראַלן זיין ליכטיגקייט אין די מדינות פון גלות; ווען נישט ווען פלעגט ער שיקן אַהינצו בריוו מכּח חסידיזם.

פון ארץ־ישראל האָט זיך ר׳ מענדל געווענדט מיט אַ בריוו צו די מתנגדים, געבעטן זיי אָפּצולאָזן דעם קאַמף. אָט, למשל, האָט ער אַמאָל געשריבן בזה הלשון: „גאָט און יידן וויסן, אַז מען פאַרשפּרייט קעגן אונז רכילות און ליגנס. איך שטיי איצט אויף דער הייליגער ערד, און גאָט זאָל זיין מיין עדות (אין זיין נאָמען הויב איך אויף די הענט צו אַ שבועה!), אַז אין אונזער כּונה און אין אונזער אמונה ליגט קיין שום זאַך נישט, וואָס זאָל קאָנען דערוועקן דעם מינדסטן חשד פון אַ סתּירה צו דער תּורה שבעל פּה. אונזער שטה וויל אַפילו נישט אָנרירן קיין איינציג געבאָט. אין דער אמתן זיינען מיר מקיים געטריי אַלע דינים פון אונזער תּורה, וואָס זי איז אונז געגעבן געוואָרן פון משה רבנו און אויסגעטייטשט געוואָרן פון אונזערע חכמים, די תּנאים, אמוראים און גאונים, די קדמונים און די אחרונים. גאָט! קוק אַראָפּ אויף דעם בזיון פון דיינע משרתים, טו אונז דערלויכטן מיט דער ליכטיגקייט פון דיין פּנים און ברייננ אַריין אחדות אין אונזערע הערצער, כּדי מיר זאָלן דיר דינען, באַהעפט אונז מיט דיינע מצוות, וואָס זיינען אונזער לעבן, און אין וואָס מיר פאַרטיפן זיך תּמיד און צוליב וואָס מיר זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין אויף אַלע אופנים, וואָרום זיי זיינען אונז טייער“ *).

דער סבלן און דער גוטהאַרציגער ר׳ מענדל, וואָס האָט פאַרזאָגט זיינע תּלמידים: „נישט אָפּצושפּעטן פון יענע, וואָס האָבן פאַרלאָזט די

---

*) בית רבי.

תורה, מחמת אויך זיי ווערן אָנגערופן גאָטס קינדער״—דער דאָזיגער גוט־הארציגער מענש האָט זיך געווענדט מיט יענעם בריוו צו די ווילנער רבנים און האָט זיי געזאָגט: „איך בין אַ ירא־שמים, און גאָט זאָל זיין מיין עדות, אַז מיר האָבן בדעה נאָכצוגעבן און אַלעמען מוחל צו זיין, ווער ס'איז געווען אין כעס אויף אונז, אָדער ווער ס'האָט אונז געפייניגט און מביש געווען אָדער אונז בייז געטאָן; זאָל זיי דער אויבערשטער מוחל זיין אין זיין חסד, וואָרום זיי האָבן געגלויבט אין דעם, אַז זיי טוען דאָס צוליב גאָטס וועגן. אָבער איצט הערט זיך צו צו דעם, וואָס איך וועל אייך זאָגן! פון היינט אָן זאָלט איר זיך נישט פאַרזינדיגן קעגן אונז, האָט רחמנות איבער אייך און איבער אייערע מעשים־טובים, כדי איר זאָלט נישט חרוב מאַכן די וועלט אין איין איינציגער שעה״. דאָס איז אָבער פאַר אים נאָך נישט געווען גענוג. ר' מענדל האָט ביי זיי געבעטן מחילה, אַזוי ווי ער וואָלט זיי פוגע בכבוד געווען. און בהכנעהדיג שרייבט ער: „רבותי, איר, וואָס איר זייט אַ סך גרעסערע לומדים ווי איך, אויב איך האָב זיך פאַר־זינדיגט קעגן אייך און קעגן אייער כבוד, בעטן מיר אייך בהכנעהדיג, איך און מיינע חסידים, איר זאָלט מיר מוחל זיין. גאָט איז אַ רחום וחנון און איז מוחל דעם זינדיגן, און איר, וואָס זייט צוגעבונדן צו זיין תורה, וועט איר נישט קאָנען נישט ענטפערן: „איך בין מוחל״! הערט אויף זיך צו קריגן. זיינען מיר דאָך איין איינציג פאָלק, קינדער פון איין איינציגן גאָט, צו וואָס זאָלן מיר זיך קריגן מיט אַנאַנד? רופט נישט אַרויס, איר ברידער, קיין בייזע מחלוקת אויף גאָטס פאָלק. זעהט, די גאַנצע וועלט ליגט פאַר אייך, און די אויגן פון אַלע יידן קוקן אויף אייך, און נאָר דורך שלום צווישן אייך וועט דער שלום באַשערט זיין פאַר אַלעמען״.

וויפיל סבלנות און ענות ליגן אין די דאָזיגע ווערטער! און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אַ מענשן, צו וועמעס ווערטער עס פלעגן זיך צוהערן טויזנטער פון יידן, צווישן וועמען עס האָבן זיך געפונען לומדים און מענשן מיט אַ נאָמען. אָבער אַלע ווערטער זיינען געווען אַרויס־געוואָרפן. די ווילנער רבנים האָבן אויף אַלע אַזוינע זאַכן געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אָן איינס האָבן זיי זיך געהאַלטן מיט אַן אייזערנער עקשנות: אומעטום און תמיד רודפן די חסידים מיט אַ ווילדער שנאה. אָבער די

ווילנער רבנים האָבן זיך אָפּגענאַרט. זייער חרם האָט נישט געהאָלפן. פאַרקערט, אָנשטאָט דעם אַלטן ר׳ מענדל פון ליטע איז אַרויסגעטראָטן אַ יונגער טאַלענטפולער פירער ר׳ שניאור־זלמן לאַדיער, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פונם ליטווישן חסידיזם און האָט אים צוגעפירט נייע כחות. און אַ חוץ דעם האָט דאָך דער חרם גופא גורם געווען דערצו, אַז דער חסידיזם איז געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט דאָרט געפונען חסידים. וואָס זאָל מען טון? ווי זאָל מען זיך באַשיצן קעגן אים? אָבער אויך צו דעם האָבן די רבנים געפונען אַ תרופה. זיי האָבן אַוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל אַ באַזונדערן משולח, וואָס האָט געהייסן ר׳ סעדיה, כדי אויך דאָרטן באַקאַנט צו מאַכן דעם חרם. און כך הוה. אין אַ משך פון אַ קורצער צייט האָט די דאָזיגע שליחות געהאַט אַ פעולה. און איצט האָט דער טייוול פונם חרם אויך אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן אָפּצוטון זיינע מעשים תעתועים. דורך דער דאָזיגער שליחות איז ווידער אויסגעגראָבן געוואָרן אַ טיפער אָפּגרונט צווישן די אשכנזים און ספרדים, וואָס האָבן געלעבט בשלום אונטער דער השפעה פון ר׳ מענדלען און זיינע לייט. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אין ארץ־ישראל איז דער רושם פונם חרם אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און וואָס ווייטער אַלץ מער, אין דער צייט, ווען דער חסידיזם האָט דאָ פאַרפעסטיגט זיינע איינגענומענע פאָזיציעס מיט נייע כחות.

און אַזוי אַרום איז דער חסידיזם פאַרטראָגן געוואָרן אין די פאַר־שיידנסטע מקומות. נאָך דעם טויט פון זיין באַגרינדער זיינען סך הכל אַוועקגעגאַנגען צוואַנציג יאָר, און דער חסידיזם האָט באַוויזן אין דער דאָזיגער קורצער צייט זיך אַ שטאַרקן רוק צו טון ווייטער. מיט אַ וואונ־דערליכער גיכקייט האָט ער זיך דורכגעזעצט אַ וועג, עס האָט אים בלויז געפעלט איין איינציגע חשובע זאַך — אַ ליטעראַטור. דעם יסוד דערצו האָט געלייגט אַן אַלטער תלמיד פונם בעל־שם ר׳ יעקב־יוסף.

יג.

ר׳ יעקב־יוסף הכהן, דער אַפּאָסטאָל פונם חסידיזם, איז פון איין צד אַרויסגעקומען פון דער משפחה פונם מקובל ר׳ שמשון אָסטראָפּאָלער און פון דעם אַנדערן צד — פון דער משפחה פון דעם באַוואוסטן למדן

ר׳ יום-טוב ליפּמאַן העלער. לומדות און קבלה, אין וואָס די דאָזיגע פאַמיליעס האָבן אַ סך אויפגעטאָן, און אין וואָס ער האָט זיך ערצויגן פון קינדווייז אָן, האָבן געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם. בשעת ער איז נאָך געווען יונג, האָט זיך איינס מיטן אַנדערן ביי אים צונויפגעמישט אינאיינעם, און ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס איז ביי אים געווען חשובער. אַז ער איז אָבער עלטער און מיושבדיגער געוואָרן, איז די נטיה צו קבלה, באַזונדער צו דער קבלת האר״י, ביי אים געוואָרן תקיפער. צום סוף האָט זיך ביי אים אַרויסגעאַרבעט די מיינונג, אַז דער נגלה איז דער גוף, און סתרי תורה (די קבלה) איז די נשמה. אַז ר׳ יעקב-יוסף האָט געקראָגן אַ שם פון אַ למדן מופלג, האָט מען אים גערופן פאַר אַ רב אין זאַריגראַד.

אין יענער צייט האָט דעם בעל-שמס נאָמען אָנגעהויבן צו קלינגען אין די דאָרטיגע מקומות. מען האָט פון אים שטאַרק גערעדט און דערציילט עפּעס אַזוינע זאַכן, וואָס האָבן גאָר נישט געפּאַסט פאַר דעם דיינק- און לעבנס-שטייגער פון די דעמאָלטיגע רבנים. די דאָזיגע רבנים האָבן אָנגעהויבן אויף אים צו קוקן מיט חשד און אים צו רודפן. ר׳ יעקב-יוסף איז אויך געווען איינער פון זיי. און אַז דער בעל-שם איז אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעקומען קיין זאַריגראַד, האָט ער זיך נישט געוואָלט זעהן מיט אים און האָט זיך געפליסט אים מבטל צו זיין אין די אויגן פון די שטאָט-לייט. דער בעל-שם איז אָבער געווען אדרבה ואדרבה, ער האָט זיך געסטאַרעט צוצוציהען צו זיך דעם רב, אָדער גערעדט אויפן לשון פון חסידים, „מאַכן, אַז ער זאָל נתעלה ווערן“.

אַמאָל, דערציילט אַ חסידישע מעשה, איז דער בעל-שם געקומען קיין זאַריגראַד, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות; עס האָט זיך אָנגעהויבן צו קלייבן אַרום אים אַ גרויסער עולם, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות. דאָס איז געווען שבת אינדערפריה. אַז ר׳ יעקב-יוסף איז געקומען אין שול אַריין, כדי צו דאַווענען מיטן עולם, איז ער געוואָרן שטאַרק פאַרחידושט, וואָרום אַ חוץ דעם שמש, האָט ער דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. דער שמש האָט אים דערציילט, אַז דער גאַנצער עולם שטייט אַרום דעם בעל-שם אויפן מאַרק און הערט זיך צו צו זיינע מעשיות. אויפן [illegible] האָט דעם שמשס ווערטער געמאַכט אַ טיפן רושם, ער האָט געהייסן,

מען זאָל דעם בעל־שם רופֿן און האָט אים געבעטן, ער זאָל זיין זיין אורח, און פֿון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן זיין תּלמיד און זיין ידיד. און טאַקע פֿון דעמאָלט אָן האָט ר׳ יעקב־יוסף אָנגעהויבן צו פֿאָרן צום בעל־שם. די זאַריגראַדער תּושבים האָבן אָבער דערפֿון גאָר נישט געוואוסט. ער האָט מורא געהאַט זיי צו דערציילן פֿון זיינע נסיעות, וואָרום דער רוב פֿון זיי האָט דעם בעל־שם גערודפֿט. סוף כּל סוף זיינען אָבער די זאַריגראַדער תּושבים געוואָר געוואָרן, אַז זייער רבּ איז געוואָרן אַ חסיד, און זיי האָבן אים אַרויסגעטריבן.

ער איז דערנאָך געוואָרן רבּ אין ראַשקאָוו, אין אַ קורצער צייט נאָכדעם אַ רבּ אין נעמיראָוו, און גאָר צום סוף אַ רבּ אין פּאָלאָנע. דעמאָלט האָט ער אָפֿן געדרשנט לטובת חסידיזם, אָבער נישט געקוקט דערויף, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון אר״יהס קבּלה און האָט זיך געפּייניגט דורך תּעניתים. דעמאָלט האָט ער געזאָגט די דאָזיגע ווערטער: „ווער עס וויל לעבן, מוז שטאַרבן און פֿאַסטן; ווער עס וויל לעבן אויף דער און יענער וועלט, מוז זיין אַן אכזר קעגן זיך און דאָס איז דער עיקר“. דער בעל־שם האָט אים אויסגערעדט פֿאַר אַזעלכע דבורים און האָט אים געשריבן אָט וואָסערן בריוו:

„אייער בריוו האָב איך באַקומען און איך האָב געגעבן אַ קוק אויף די ערשטע שורות און דאָרט רעדט כּבוד מעלתו דערפֿון, אַז מען מוז זיך איבערפּייניגן, און ביים לייענען פֿון די דאָזיגע שורות, איז מיר אַ שווידער איבערגעלאָפֿן דורכן לייב, און איך באַשווער אייך אינם נאָמען פֿון הקבּ״ה און זיין שכינה, איר זאָלט זיך נישט אַריינלאָזן אין אַזאַ סכּנה, וואָרום דאָס איז דאָך עצבות און מרה־שחורה, און ווען די שכינה רוהט אויף עמיצן, רוהט זי נישט אויף אים צוליב עצבות און מרה־שחורה, נאָר צוליב דעם, וואָס מען איז זיך משמח מיט די מצוות התּורה. און איר ווייסט עס אַליין, וואָרום איך האָב עס אייך געלערנט און איר האָט עס תּופֿס געווען. און בנוגע אייערע מחשבות, וואָס האָבן אייך דערצו געבראַכט, גיב איך אייך אַן עצה, און זאָל גאָט זיין מיט אייך, איר שטאַרקער גבּור: איטליכן פֿרימאָרגן זאָלט איר זיך בשעת דעם לערנען באַהעפֿטן מיט די אותיות אין אַ לחלוטנדיגער איבערגעגעבנקייט צו דער עבודת־הבורא יתבּרך שמו, און דעמאָלט וועט די מדת־הדין ווייך ווערן אין איר סאַמען שורש, און עס וועט אייך דערפֿון גרינגער ווערן. ומבשרך אל

ת ת ע ל ם — פון דיין לייב זאָלסטו זיך נישט אָפּזאָגן אין אַלצדינג, וואָס מען מעג על פּי חקי התורה. און אויב איר וועט מיך פאָלגן, וועט גאָט מיט אייך זיין, און איצט וועל איך מקצר זיין און אייך זאָגן שלום. ישראל בעל־שם" *).

צום סוף איז ר' יעקב־יוסף געוואָרן אינגאַנצן דעם בעל־שמס אַ חסיד. און דער בעל־שם האָט זיין תלמיד גוט געקענט און געוואוסט, וואָס ער איז בכח אויפצוטון פאַר חסידות. אַז ר' יעקב־יוסף האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו פירן אַ לעבן אין פרישות, האָט אים דער בעל־שם נישט געלאָזט. ער האָט געוואוסט, אַז די יונגע באַוועגונג נויטיגט זיך שטאַרק אין אַזאַ גייסטיגן כח ווי ר' יעקב־יוסף. אין אַ בריוו צו זיין שוואָגער ר' גרשון שרייבט דער בעל־שם וועגן ר' יעקב־יוספן אָט וואָס: „זיינע מעשים זיינען נושא חן ביים בורא יתברך און אַלץ, וואָס ער טוט, טוט ער אין גאָטס נאָמען". און זיין ידיד ר' בער מעזשיריטשער שרייבט פון אים בזה הלשון: „צו אים איז געקומען אליהו הנביא, און ער האָט נאָך אַנדערע העכערע מדרגות דערגרייכט". און נישט געקוקט אויף דעם, איז ער נאָכן טויט פונם בעל־שם נישט אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער מנהיג פון חסידיזם, נאָר ר' בער, וואָס איז געווען יינגער פאַר אים, וואָרום ר' יעקב־יוסף איז געווען קודם כל אַ יושב אהל, און ער האָט נישט פאַרמאָגט דאָס, וואָס איז נויטיג פאַר אַ פירער פון אַ באַוועגונג. ער איז אַ חוץ דעם געווען אַ מענש, וואָס איז מקפיד אויף יעדער קלייניגקייט, און ווי נאָר עפּעס פלעגט געטאָן ווערן נישט לויט זיין כונה, פלעגט ער ווערן אויסער זיך.

די פאַנטאַזיע פונם פאָלק מאָלט אים אויס אָט אין אַ וואָסער געשטאַלט: אַ מענש מיט אַ צערודערט און אומרוהיג געזיכט און מיט גרויסע ברעמען, וואָס האָבן פאַרדעקט זיינע אויגן, און אַז ער פלעגט זיי אויפהויבן, כדי אַ קוק צו געבן אויף עמיצן, פלעגט מען אַנטלויפן פון פחד. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין מענש האָט נישט געקאָנט שטיין בראש פון אַזאַ יונגער באַוועגונג ווי דער חסידיזם, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך אָפּצוטון צוויי אַרבעטן: אַ נעגאַטיווע אַרבעט — איינצווואַרפן די רבנישע מויערן — און אַ פּאָזיטיווע — אויפצושטעלן דעם נייעם בנין, דעם בנין פון

---

*) שבחי הבעש"ט, ז. 8.

חסידות. דערצו האָט מען באַדאַרפט אַ מענשן, וואָס זאָל פאַרשטיין ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן, זאָל זיין אַ מעורב עם הבריות, און זאָל קאָנען נעמען דעם עולם מיט זיין וואָרט. און דאָס אַלץ האָט ר׳ בער פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס. און ר׳ יעקב־יוסף אַליין האָט מודה געווען, אַז זיין פריינט ר׳ בער איז פאַרן חסידיזם דער פאַסיגער „פירער". און בעת ר׳ בער האָט אַ סך געטאָן לטובת חסידות מיט זיין כח הדבור און מיט זיין טאַלענט פון אָרגאַניזאַציע, האָט און דער אייגענער צייט ר׳ יעקב־יוסף אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער פאַרפעסטיגונג, פאַרטיפונג און אַנטוויקלונג פון חסידות מיט זיין פלינקער פעדער. ר׳ יעקב־יוסף האָט פאַרשריבן די רייד פון זיין רבין דעם בעל־שם, האָט זיך מעמיק געווען אין זיי און האָט זיי פאַרטייטשט אויף אַ קלאָרן אופן. ער האָט זיך געפלייסט, אַז קיין איינציג וואָרט און קיין איינציגער געדאַנק פון זיין רבין זאָל נישט גיין לאבוד. אַ חסידישע מעשה דערציילט אינם נאָמען פון ר׳ ייב״י, ר׳ בערס אַ תלמיד: אַז בעת ר׳ יעקב־יוסף האָט אים מסביר געווען דעם בעל־שמס ווערטער, איז זיין מויל געווען ווי אַ ברע־נענדיגער שטורקאַטש און אַרום אים האָט געפלאַקערט אַ פייער, און אַז ער מיט זיין בעט האָבן זיך אויפגעהויבן כמה וכמה איילן פון דער ערד; און אַז ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, איז אַזוי ווי זיי וואָלטן געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני מיט מורא און ציטערניש, מיט דונערן און בליצן.

אָט אַזוי האָבן דאָס געאַרבעט די ביידע פריינט ר׳ יעקב־יוסף און ר׳ בער, איטליכער אויף זיין שטייגער לטובת חסידות. ר׳ בערן האָט מען אימעטום געקענט אַלס דעם מנהיג פון חסידיזם, און אַלע רדיפות מצד די רבנים האָבן זיך אויסגעלאָזט צו אים; פון ר׳ יעקב־יוספן, וואָס איז געזעסן שטילערהייט ביי זיך אין חדר און האָט געקאָוועט שטאַרקע כלי־זיין קעגן מתנגדים, האָט מען כמעט גאָר נישט געוואוסט. יענע האָבן נישט געוואוסט, אַז ערגעץ וואו אין אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע זיצט זיך עפעס אַ חסיד אַ מוחרם און גרייט צו שאַרפע וואָפן, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט זיי, און אַז זיי וועלן באַלד ווערן פון רודפים נרדפים.

דער יונגער חסידיזם האָט אַליין געפילט, אַז ער געפינט זיך בחזקת סכנה. קוים האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרפעסטיגן זיין קיום, ווי עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די שרעקליכע רדיפות מצד רבנים און מתנגדים

מיט דעם ווילנער גאון בראש. און דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ נייע גרויסע צרה: דער פירער ר׳ בער איז נפטר געוואָרן. די שונאים האָבן אין דעם געזעהן אַן אצבע אלהים און ביי זיי איז געווען שמחה וששון. זיי האָבן געמיינט, אַז מיט ר׳ בערס טויט וועט אויך דער חסידיזם אַוועקשטאַרבן. אָבער זיי האָבן געהאַט אַ טעות: ר׳ יעקב־יוסף האָט געלעבט. ער האָט דעם חסידיזם אַרויסגעראַטעוועט. ער האָט געלייגט דעם יסוד צו דער חסידישער ליטעראַטור.

לויט דער צייט און דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט, איז ער דער ערשטער שרייבער פונם חסידיזם. און די וואָפן, וואָס ער האָט געקאָוועט קעגן מתנגדים, זיינען געווען שאַרף און האָבן געטראָפן אין ציל. ער האָט זיך נישט געזידלט, ער האָט זיינע שונאים נישט געמסרט און נישט גערודפט — ער האָט נאָר דעם פאָלק געוויזן דעם כאַראַקטער פון מתנגדישע רבנים, וואָס האָבן דעמאָלט געפירט די ממשלה, ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף דעם, ווי זיי זיינען זיך נוהג מיטן פאָלק, וואָס גייט בלינד נאָך זיי, און מיט איין איינציגן קלאַפּ האָט ער צעבראָכן זייערע מזבחות. ער האָט זיך נישט געשראָקן נישט פאַר די רבנים און נישט פאַרן „חרם“. ער האָט זיך נישט געוואָרפן זיי צו די פיס און האָט נישט געשוואָרן, אַז ער וועט מקיים זיין אַלע אָנזאָגן און פאַרזאָגן, ווי עס האָבן דאָס געטאָן ר׳ מענדל מיט זיינע לייט, ער איז נישט געגאַנגען צו דער „קאַנאָסאַ“ פונם ווילנער גאון, כדי צו בעטן ביי אים רחמים. פאַרקערט, ער האָט זיי דערקלערט אַ מלחמה מיט אַ העלדישער אָפנקייט.

יד.

„כדי אויפצובויען הייליגע בנינים, מוז מען פריהער צעשטערן הייליגע בנינים“. אָדער גערעדט אויפן לשון פון ר׳ יעקב־יוסף: „אַ גוטער דאָקטאָר, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, וואָס האָט האָלט דעם מענטשן און וויל אים ברייינגען אַ רפואה שלמה, מוז, איידער ער גייט אים היילן, פריהער אָפדעקן זיינע וואונדן און געשווירן. און אַזוי איז עס אויך מיט דער הדרכה צום גוטן: ווער עס וויל מקיים זיין די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך“, מוז אָפדעקן די וואונדן און געשווירן פון

די זינד, כדי דער חולה זאָל קאָנען אויסגעהיילט ווערן" *). אויך ר' יעקב־יוסף האָט „אָפּגעדעקט די וואונדן", איידער ער האָט זיך גענומען ווייזן דעם פאָלק דעם וועג פון חסידות, ער האָט צעשטערט דעם אַלטן בית־המקדש. און דעם דאָזיגן בית־המקדש האָט ער חרוב געמאַכט אינגאַנצן. די אַלטע אָפּגאָטן האָט ער צעבראָכן אויף פּיצלאַך, נישט געקוקט אויף קיין זאַך און קיינעם נישט, וואָס עס זאָל נישט זיין און ווער עס זאָל נישט זיין. זעהר שאַרף האָט ער קריטיקירט די מנהגים פון די אַלטע פירער פון זיין דור און דעם פריהער־דיגן: די רבנים, מגידים וראשי ישיבות, מלמדים, חזנים און פרנסי הקהלה. מיט אַן אָנגעווייטאָגט האַרץ שרייבט ער: „מיר זעהען מיט אונזערע אויגן, ווי אַלע יענע רבנים ומנהיגים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די באַדערפעונישן פון דער קהלה, זיינען זיך נוהג אויף אַזאַ אופן, ווי מען קאָן עס גאָר נישט באַשרייבן".

איינעם פון די גרויסע חסרונות, וואָס ער געפינט אין זיין דור, באַשטייט אין „דער גרויסער צאָל פון די פירערס", אַלע ווילן „שטיין בראש" און זיין „פירער". ער גיט אַן אַלגעמיין בילד פון דעמאָלטיגע רבנים: „שועלים קטנים מחבלי כרמים — דאָס זיינען די רבנים, וואָס יאָגן זיך נאָך געלט שוין אין די יונגע יאָרן" און וואָס פאָרן אַרום אין די דערפער, כדי אויסצופאָרשן זייערע פאַרהעלטענישן און האַלטן, אַז מען מעג נעמען מתנות, אַ שכר פאַר לייידיג גיין, וואָס טוט אָן שאָדן און צרות דעם פאָלק. ביי היינטיגן טאָג אָבער טאָר מען דאָס נישט, וואָרום ער פאָרשט גאָר נישט אויס די פאַרהעלטענישן פונם דאָרף, נאָר כאָרט אַרום צוליב מתנות". די דאָזיגע רבנים געפינען זיך אונטער דער שליטה פונם געלט און פונם פלפול „דורכשטעכן זיך איינערדעם צווייטן מיט די שווערדן פון זייערע צינגער, כדי אַרויסצוווייזן זייערע חריפות ווי אַ שאַרפן שווערד, מיט וואָס מען קאָן דורכשטעכן דעם אַנדערן, וואָס איז גרעסער". און איטליכער גרויסט זיך און זאָגט: „איך וויל געוועלטיגן, ווייל איך בין אַ גרעסערער למדן".

פאַרשטייט זיך, אַז ר' יעקב־יוסף איז נישט צופרידן געווען מיט דעם אופן, ווי די רבנים האָבן געלערנט תורה. ער האָט געזאָגט די ווערטער:

*) צפנת פענה וארא.

„תורה לערנען איז נישט קיין למוד אינם געוויינליכן פשט, דורך תורה דאַרף מען זיך איבערגעבן זיין גרויסן נאָמען, און דאָס איז דער עיקר". און די תורה דאַרף געלערנט ווערן „לשמו ברוך הוא באהבה וביראה". האָט מען אָבער דערביי „די כונה גרויס צו ווערן אין די אויגן פון די מענשן און קריגן אַ נאָמען און כבוד, קאָן דאָס גורם זיין צו אַן אַראָפּפאַל". ער האָט אויך, פאַרשטייט זיך, מלחמה געהאַלטן קעגן דעם פלפול פון די דעמאָלטיגע רבנים. „ביי די רבנים, קלאָגט ער זיך, איז געוואָרן אַ מדה מגונה, אַז איטליכן שבת הגדול אָדער שבת תשובה האַלטן זיי פאַרן עולם דרשות, וואו זיי לאָזן זיך אַריין אין פלפולים און דקדוקי ענוות, כדי אַרויסצוווייזן זייער חריפות און בקיאות אָנשטאָט צו ווייזן דעם עולם אַ וועג, ווי אַזוי צו הייליגן זיך צו דער עבודת-הבורא יתברך שמו". דעם פסוק: „און די קינדער ישראלס האָבן מיר נישט געפאָלגט" פאַרטייטשט ער: „און די לומדים האָבן מיר נישט געפאָלגט און נישט גע-רייניגט זייער דיינקען". „וואָס מער די לומדים לערנען, אַלץ גרעסער ווערן זיי ביי זיך אין די אויגן, און זיי דוכט זיך אויס, אַז זיי האָבן שוין גענוג געלערנט; וואָס מער אָבער די חסידים לערנען, אַלץ קלענער ווערן זיי ביי זיך אין די אויגן" *).

טו.

ר' יעקב-יוסף האָט איבערגענומען בירושה די גאַנצע תורה פונם בעל-שם. אין יעדער גשמיותדיגער זאַך האָט ער אַרויסגעפונען איר נשמה — די געטליכקייט. „אַלע זאַכן אויף דער וועלט זיינען פונקען פון דער שכינה, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק: „וכבודו מלא עולם". „עס איז נישטאָ קיין איינציגע זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אָפּ-געזונדערט פון גאָט ברוך הוא, און זיין מלכות געוועלטיגט אומעטום, און אַלצדינג איז איין איינציגע אחדות". גאָט וויקלט זיך איין אין דעם גרויסן גוף, דער וועלט, אַזוי ווי אין אַ שלייער. די קערפּערליכע זאַכן, וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגן, זיינען אַ „כסא מלכות פאַר דעם גייסטיגן", וואָס ליגט אין זיי, וואָרום „קיין שום קערפּערליכע זאַך

*) תולדות יעקב יוסף.

וואָלט ניט געקאָנט האָבן אַ קיום אָהן די רוחניות, וועלכע איז איר נשמה".
לויט זיין סברה, זיינען די נעמען פון די קערפּערליכע זאַכן נעמען פאַר יענער רוחניות, וואָס ליגט אין זיי. „דאָס גייסטיגע אין אַ מאכל רופט זיך אָן ברויט, דאָס גייסטיגע אין אַ מלבוש רופט זיך אָן בגד", פּונקט אַזוי ווי דאָס גייסטיגע אין דעם מענשן „רופט זיך אָן מענש" און פּונקט אַזוי ווי „זיין גוף איז כלל וכלל נישט דער מענש, נאָר מער נישט ווי דער מלבוש פונם מענשן".

דאָס יידישע פאָלק פאַרגלייכט ער מיט אַ יחיד: „פּונקט אַזוי ווי אין דעם יחיד זיינען פאַראַן רמ"ח איברים און שס"ה גידים, און זיי אַלע זיינען דאָך נאָר דער גוף פונם מענשן און נישט דער מענש אַליין, און נאָר די דריי טיילן פון זיין נשמה רופן זיך אָן מענש, אַזוי זיינען אויך אינם יידישן פאָלק פאַראַן רמ"ח איברים און שס"ה גידים, און נאָר די צדיקי הדור זיינען זיין נשמה, זיין לעבן אין יענעם דור". און דערמיט קומט ר' יעקב־יוסף צו זיין ציל, ד. ה. ער קומט צום יסוד פון חסידות, דעם צדיק.

ער האָט איינגעוואָרפן די פעסטונג פון די רבנים מיט זייער לומדות און אויף איר אָרט האָט ער אַוועקגעשטעלט די צדיקים מיט זייער תורה. „דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט", ער איז דער מיטן, „דאָס אינעווייניגסטע פון דער וועלט", ער איז „די נשמה און דאָס לעבן פון דער וועלט, און די איבעריגע מענשן אויף דער וועלט זיינען נאָר קערפּער, מלבושים פאַר דער נשמה". דער צדיק איז „דאָס האַרץ פון דער וועלט, און די איבעריגע מענשן — די אַנדערע איברים פונם גוף, וואָס ווערן געשפּייזט דורכן לעבן פונם האַרץ"; ער איז „דער קאַנאַל, וואָס פירט אַריבער די פולקייט פונם לעבן צו די אַנדערע איברים, צו די מענשן פון זיין דור"; ער איז „דער סרסור צווישן דעם פאָלק און גאָט, אַזוי ווי משה רבנו איז געווען דער סרסור צווישן ישראל און גאָט"; דער צדיק איז אַפילו דער סרסור „צווישן דער שכינה און הקב"ה אַליין".

דאָס פאָלק מוז זיך אויף אַזאַ אופן באַהעפטן מיטן צדיק, ערשט דעמאָלט וועט עס קאָנען האָבן אַ האָפענונג צו דערגרייכן זיין ציל, צוליב וואָס עס איז באַשאַפן געוואָרן: „צו דערהויבן די צורה איבער דעם חומר און צו זיין הייליג אין גאָטס אויגן", וואָרום דאָס איז „דער ציל פון דער פאַרפולקאָמונג". „און גיב אַ טראַכט וועגן דעם, אַז בעת

דו ביסט באַהעפט מיטן צדיק, ווער ס׳רופט זיך אָן דער לעבעדיגער, ביסטו אין דער אייגענער צייט באַהעפט מיטן לעבן אַליין, ד. ה. מיט גאָט", וואָרום „דער צדיק, ווער ס׳איז באַהעפט מיט גאָט, ווערט כביכול מיט אים איין איינציגע „אחדות". און אַזוי אַרום איז דיין באַהעפט מיטן צדיק אין דער אייגענער צייט אַן אמתער באַהעפט מיט גאָט". מיטן צדיק טאָר מען זיך נישט באַהעפטן צוליב קערפּערליכע אינטערעסן, צוליב פּרנסה וכדומה, נאָר צוליב רוחניות אַליין, וואָרום די רוחניות פונם פאָלק איז נישט פולקאָם, און אַפילו ווען עס לערנט תורה און דאַוונט, „טראַכט עס מכח עולם=הזהדיגע אינטערעסן". אַזאַ מין מצב קאָן בעסער געמאַכט ווערן נאָר דורך דעם באַהעפט מיטן צדיק. וואָרום „דברי חולין קאָנען זיך נישט אויפהויבן אין דער הויך און קאָנען דאָרטן אין דעם אָרט, וואו די רוחניות געוועלטיגט, נישט דערהערט ווערן, סיידן זיי באַהעפטן זיך מיט דער רוחניות, וואָרום דעמאָלט ווערן דורך דעם באַהעפט מיט די רוחניות אויך די עולם=הזהדיגע ענינים דערהערט".

פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענש, וועלכער באַהעפט זיך מיטן צדיק, טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף אים אַליין, נאָר מוז זיך אַליין סטאַרען אַרויפצוקלעטערן פון איין מדרגה צו אַן אַנדער מדרגה, וואָרום עס איז גלייכער, אַז „דאָס פאָלק זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם שטאַרקן גבור, נאָר זאָל אַליין זיין אַ יודע תרועה". ווי אַזוי אַרום אָבער זאָל זיך דער מענש אויסבינדן און באַהעפטן מיטן צדיק? דורך אמונה. ער מוז אין אים גלויבן באמונה שלמה און אָהן חכמות און טון אַלצדינג, וואָס יענער פאַרלאַנגט פון אים. „מען מוז — זאָגט ר׳ יעקב=יוסף — גלויבן אין דעם צדיק אָהן חכמות און אין פשטות, נישט זוכנדיג קיין חסרנות אין זיין כאַראַקטער, און אויב דו זעהסט אַמאָל יאָ ביי אים מיאוסע געניג און מדות מגונות, ווי למשל, ליגן און פאַלשקייט, טאָרסטו אים דערפאַר נישט מבזה זיין, וואָרום זיין כונה איז געטליך". צוריק געררעדט אָבער מוז זיך דער צדיק פון זיין צד סטאַרען צו זיין אויסגעבונדן מיטן פאָלק, וואָרום „פונקט אַזוי ווי דער חומר, דער גוף, נויטיגט זיך אין אַ נשמה, אַזוי נויטיגט זיך אַ נשמה אין אַ גוף". אויך ער, דער צדיק, נויטיגט זיך אין דעם פאָלק, און פון דעם דאָזיגן ווענדט זיך אַ סך און אַלצדינג, וואָס איז נוגע דעם גייסטיגן מהות פונם צדיק. „די וועלט בכלל ווערט אָנגערופן לייטער: דער פּראָסטער המון שטייט

אויף דער ערד, ער איז דער סאַמער אונטערשטער טייל פון דער לייטער, און די חכמים זיינען דער שפּיץ פון איר. און דערפאַר שטייט טאַקע אין פּסוק: וראשו מגיע השמימה — און זיין שפּיץ דערגרייכט אַזש ביזן הימל. אַלץ אינאיינעם איז אָבער איין איינציגע געשטאַלט, א י י ן איינציג מענשליך פּנים. און גאָטס מלאָכים, ד. ה. די צדיקים, וואָס פירן דורך די שליחות פון זייער איבערהאַר באמונה, קלעטערן אויף איר אַרויף. ווארום אויב דער דור איז ריין אין זיינע מעשים, אויב דער דור איז ראוי לכך, הויבן זיך די פּני הדור אויף אַלץ העכער און העכער. און אַזוי איז עס אויך, ווען עס טרעפט, חס ושלום, דער היפּוך דערפון: זיי פאַלן אינאיינעם מיטן דור, וואָרום אויך די חכמי הדור האָבן אַ געוויסן חלק אין די זינד פון די מענשן". אָבער דער צדיק מוז זיך אָפּט מאָל אַראָפּלאָזן פון זיין הויך, ווען ער וויל בעסער מאַכן דאָס פאָלק, ווארום כדי „ער זאָל קאָנען אויפהויבן אַ נידעריגע מדרגה צו אַ העכערער, מוז ער זיך פריהער צונויפבינדן און באַהעפטן מיט יענער". אָפּט מאָל מוז דער צדיק „אָנטון אויף זיך די מלבושים פון אַ שלעכטן און פאַרדאָרבענעם מענשן, כדי אַזוי אַרום אויסגעפונדן צו ווערן מיט אַ פאָלק, וואָס האָט אין זיך מדות מגונות". אָפּט מאָל קומט ער אַריין אין אַ סכנה, „אָננעמענדיג די מדות פון רשעים", און אָפּט מאָל מוז ער זיך אויך באַנוצן מיט „סם המות, ווי למשל, ליגן און פאַלשקייט, די דרכים פונם יצר־הרע". אַזוינע זאַכן קומען אָן דעם צדיק נישט גרינג. „ער וויל זיך נישט אַרונטערלאָזן, ווייל ער האָט מורא, ער זאָל זיך נישט קאָנען אומקערן און ווערן זינדיג". אָבער גאָט „שטייט איבער אים און היט אים אָפּ פון זינד, בעת ער לאָזט זיך אַראָפּ, כדי אויסצומישן זיך מיטן פאָלק, און אַזוי אַרום קלעפּן זיך זייערע מעשים צו אים נישט צו".

דער צדיק מוז זיך באַהעפטן מיטן פאָלק אין ליבשאַפט. ער מוז זיך סטאַרען, אַז „דער פּראָסטער עולם זאָל אים ליב האָבן"; ער מוז זיך נוהג זיין מיט אים, „ווי אַ מוטער מיט איר קינד"; ער מוז „קוקן אויף אים מיטן אויג פון רחמנות און אים מדריך זיין צום גוטן". און אַז דעם צדיק גיט זיך איין זיך צו באַהעפטן מיטן פאָלק אויף אַזא אופן, קאָן ער אַ סך אויפטון פאַרן פאָלק און נישט דוקא אויף ד ע ר וועלט דורך דעם, וואָס ער איז אים מדריך צום גוטן, נאָר אויך דאָרטן אויף י ע נ ע ר וועלט.

„וואָרום דעם צדיקס נשמה שפּרייזט דורך די טויערן פונם גיהנום און הייבט אַרויף די נשמות, וואָס זיינען מיט אים אויסגעבונדן, פּונקט אַזוי ווי אין דער צייט, ווען זיי האָבן נאָך געלעבט“ *).

טז.

אַזוי ווי זיין רבי דער בעל־שם, האָט אויך ר׳ יעקב־יוסף געגלויבט באמונה שלמה אין דעם, אַז דער תּכלית פון דעם מענשן אויף דער וועלט איז צוצוגרייטן זיך צו דער קומענדיגער וועלט, און אַז „דער ציל פון דעם מענשן איז צו זיין אַ בית־המקדש פאַר גאָט“. און אַז מען פרעגט אים פרעגן, ווי אַזוי אַרום קאָן דער מענש דערגרייכן אַזאַ מדרגה, פלעגט ער ענטפערן ווי זיין רבי, דער בעל־שם: „דער לעצטער ציל איז, דו זאָלסט אים זיין איבערגעגעבן“. און וואָס באַטייט די דאָזיגע איבערגעגעבנקייט צו גאָט? „אמונה איז די איבערגעגעבנקייט צו אים ברוך הוא“, נאָר דורך דער איבערגעגעבנקייט צו גאָט אין אמונה איז דער מענש מסוגל „צו קריגן אַ נשמה“. אָבער אַזאַ מין איבערגעגעבנקייט „קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורכדעם, וואָס מען איז גובר דעם חומר, די מאַטעריע“. „די נשמה חלשט תמיד זיך צו באַהעפטן מיט גאָט, נאָר דער חומר לאָזט נישט“. דורך פייניגן דעם גוף און דורך אָפּטויטן דעם לעבנס־געפיל דאַרף מען נישט און מען טאָר נישט גובר זיין די מאַטעריע. „דער מענש איז באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם, ער זאָל לערנען תּורה און מקיים זיין די מצוות, כּדי ער זאָל דורך זיי לעבן, נישט שטאַרבן“. „פון פאַסטן און פרישות פאַלט דער מענש אַריין אין עצבות, און די דאָזיגע האָט אַ שלעכטע פּעולה אויך אויף דער איבערגעגעבנקייט צו גאָט, וואָס איז מעגליך נאָר אין אַ מצב פון פרייד“.

און דאָ קומט ר׳ יעקב־יוסף צו דער אָפּטימיסטישער אָנשויאונג פון חסידות להפך צו דער פּעסימיסטישער פון דער קבלת האר״י, אין וואָס ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיינע יונגע יאָרן, אַזוי אַז דער בעל־שם האָט געפונען פאַר נויטיג זיך איבער אים אָנצוקוקן [illegible] אַנטקעגנצושטעלן. בעת ר׳ יעקב־יוסף פאָדערט, אַז מען זאָל גובר זיין די מאַטעריע, מיינט ער דערמיט, אַז מען

*) תולדות יעקב יוסף.

זאָל זי דערהויבן צו דער מדרגה פון רוחניות און הייליגקייט: „אפילו ווען דו פאַרנעמסט זיך מיט עולם־הזהדיגע ענינים, זאָלסטו מיט דיין אינע־ווייניגסטער מחשבה זיין ביים למוד התורה". נאָר פראָסטע מענשן מיינען, אַז גאָט קאָן מען דינען נאָר דורך לערנען און דאַווענען, אין דער אמתן אָבער „שטעקט דער תכלית פון דער רוחניות, דהיינו לערנען, דאַווענען און מקים זיין די מצוות, וואָס דרייען זיך אַלע אַרום דעם איינציגן פינטעלע צו רייניגן די געפאַלענע פונקען, אויך אין עולם־הזהדיגע ענינים, ווי דהיינו עסן, טרינקען און אַלע מינים אַרבעט און עסקים".

ר' יעקב־יוסף, וואָס ער איז איבערגעגעבן געווען דעם בעל־שם בלב ונפש, האָט ווי זיין רבי נישט געוואָלט מאַכן דאָס לערנען פאַר אַן עיקר. „גאָט—זאָגט דער בעל־שם — וויל, אַז מען זאָל אים דינען אויף אַלע אופנים". און דאָס איז אויך פאַר ר' יעקב־יוספן געווען אַ יסוד. ווער עס דינט גאָט מיט יעטוועדער זאַך, אַפילו מיט עולם־הזהדיגע אינטערעסן, האָט אין זיינע אויגן אַ גרעסערע חשיבות איידער אַן אַנ־דערער, ווער ס'זיצט פאַרשפאַרט ביי זיך אין חדר און מוטשעט זיין מח מיט תורה לערנען. וואָרום דער, וואָס דינט גאָט מיט עולם־הזהדיגע ענינים, האָט אויסצוהאַלטן אַ קאַמף מצד דעם יצר־הרע, וואָס בונטעוועט זיך תמיד קעגן דעם, און אויב ער דינט גאָט באמת ובתמים, איז ער אים, דעם יצר־הרע, סוף כל סוף גובר און „וואַרפט אַרונטער די סטרא דשמאל אונטער דער שליטה פון דער סטרא דימין, און דעמאָלט ווערט געבאָרן אַ פולקאָמע אחדות אין דערפמליא של מעלה, וואָס דאָס איז דער העכסטער ציל". וואָרום דער תמצית פון גאָט דינען איז „מגלגל צו זיין דאָס בייז אין גוטס, מאַכן פונם יצר־הרע אַ יצר־טוב, פונם פיינט אַ פריינט" און צו דינען גאָט „אפילו מיט דעם יצר־הרע גופא". וואָרום אפילו אינם יצר־הרע אַליין געפינט זיך גאָט. „אויך אין די אומריינע מחשבות איז פאַראַן אַ הייליגער פונק און אַ חלק אלוה ממעל, אַ טייל פון דער געטליכקייט", און „די שכינה איז פאַראַן אויך אין דעם בייז, אין די קליפות". עפעס אַנדערש איז עס, ווען איינער דינט גאָט בלויז מיט לערנען און דאַווענען, נישט האָבנדיג אויסצוהאַלטן אַ קאַמף קעגן דעם יצר־הרע „און גייענדיג אויף דער רעכטער זייט אויף דער סטרא דימין".

ארויסגייענדיג פון אַזאַ מין קוק אויף דעם גאַנצן ענין פון גאָט־

דינען, שלאָגט ער פֿאָר אָט וואָס: „אַ מענש טאָר ניט האָבן די טבֿע צו קוועטשן תּמיד די באַנק און זיצן איינגעבויגן איבער די ספֿרים, נאָר ער דאַרף זיין אַ מעורבֿ עם הבריות, אָבער וייענדיג צווישן מענשן, זאָל די יראת־שמים ליגן אויף זיין פּנים און ער מוז מקיים זיין דאָס, וואָס שטייט געשריבן: שויתי ה׳ לנגדי תּמיד — אויך מחוץ לתּורה ותּפֿלה, אומעטום זאָל ער אַכטונג געבן דערויף, וואָרום אומעטום זיינען די מצוות און אומעטום איז פֿאַראַן עבֿודת־הבורא". וואָרום בשעת ער דערנעהענט זיך צום לעבן און ווערט באַקאַנט מיט מענשן, ברייננט ער נישט נאָר נוצן פֿאַר אַנדערע מענשן דורכדעם, „וואָס ער דערזעהט אפשר אַזוינס, וואָס נויטיגט זיך אין תּיקון אָדער פּירט אַרויף די מענשן אויף דעם וועג צו עבֿודת הבורא", נאָר אויך זיך גופֿא, דערהייסנדיג זיך פֿון נייע זאַכן און באַקומענדיג אַ גייסטיגע יניקה. ר׳ יעקבֿ־יוסף האָט אין אַלצדינג און אין יעדער זאַך געזעהן נאָר דאָס אינעווייניגסטע, דעם תּוך. פֿאַר אים איז די אויסנווייניגסטע זייט פֿון דער תּורה געווען מער נישט, ווי „די תּורה פֿון מענשן", און ערשט די אינע־ווייניגסטע זייט פֿון איר איז געווען אין זיינע אויגן די אמתע תּורה, „די תּורה מן השמים". און מהאי טעמא האָט ער אויף די מצוות און אויף דער דערפֿילונג פֿון די דאָזיגע געקוקט נישט פֿון דער אויסנווייניגסטער, נאָר פֿון דער אינעווייניגסטער זייט. „אומעטום, זאָגט ער, וואו איך בין תּופֿס נאָר אַ ביסל, נאָר איין איינציגן חלק פֿון אחדות, האָב איך זי שוין אינגאַנצן און פֿאַרפֿול, און היות ווי די תּורה און די מצוות שטראַלן אַרויס פֿון זיין אינעווייניגסטן מהות, וואָס איז אַ פֿול־קאָמע אחדות, איז איטליכער תּופֿס די דאָזיגע אַחדות אינגאַנצן און פֿאַר־פֿול, ווען ער איז תּופֿס נאָר אַ טייל פֿון איר, ד. ה. ווען ער איז מקיים נאָר איין איינציגע מצוה כּדבעי אין ליבשאַפֿט און איבער־געגעבנקייט, און עס ווערט אים פֿאַררעכנט, אַזוי ווי ער וואָלט מקיים געווען תּרי״ג מצוות". אַז משיח וועט קומען, זאָגן אונזערע חכמים, וועלן די מצוות בטל ווערן, וואָרום דעמאָלט „וועלן די מצוות ניט איינגעוויקלט זיין אין דעם מלבוש פֿון דער וועלט, נאָר וועלן באַשטיין בלויז אין רוחניות; די מצוות אין זייער דרויסנדיגן צד וועלן בטל ווערן". „אַז עס וואָלט זיך ביי היינטיגן טאָג געפֿונען אַ מענש, וואָס איז ראוי לכך, וואָלט ער באַפֿרייט געוואָרן פֿון די מצוות המעשיות". די גאַנצע תּורה איז

נאָר אַ מיטל צו דערגרייכן די העכערע מדרגה פון רוחניות און ליבשאַפט. ווארום דער ציל פון דער גאַנצער תורה „פון די מצוות און די עבודת־הבורא אינם דאַווענען איז צו דערגרייכן יענע מדרגה, וואו מען באַהעפט זיך מיט גאָט אין ליבשאַפט" *).

יז.

אַט אַזוינע און ענליכע געדאַנקען האָט ר' יעקב־יוסף אַרויסגעזאָגט אין זיין ספר „תולדות יעקב־יוסף", וואָס ער האָט געלאָזט אָפּדרוקן אין אַ חסידישער דרוקעריי פון מעדזשיבאָזש, „דער הייליגער שטאָט" פון חסידיזם. אינם ספר איז נישט געווען קיין שום הסכמה מצד די רבנים, און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז די לומדים זאָלן אויפגערייצט ווערן צו אַ נקמה־קאַמף. דער דאָזיגער ספר איז געווען דער ערשטער אין דער חסידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געפירט אַ גאַנץ אָפּענעם קאַמף לטובת חסידיזם אָהן שום באַהעלטעניש, ווי עס האָט זיך ביז אַהער געפירט. ווי נאָר דער ספר האָט זיך באַוויזן, אַזוי איז די מתנגדישע וועלט דערפון שטאַרק צערודערט געוואָרן. די מתנגדים האָבן שוין געמיינט, אַז דער חסידיזם האָט שוין אָנגעוואָרן זיין גאַנצע מאַכט און אַז ער האַלט כמעט ביים שטאַרבן. דאָ אָבער האָבן זיי מיט אַמאָל דערזעהן, אַז די מעשה איז נישט אַזוי, זיי האָבן נישט ווילנדיג געמוזט מסכים זיין דערמיט, אַז זיי האָבן זיך טועה געווען, ווארום אין דער אמתן איז דער חסידיזם פאַר דער גאַנצער צייט נאָך שטאַרקער געוואָרן. ער איז פול געווען מיט זאַפט און לעבנסקראַפט. אַ געדאַנק, וואָס ער האָט באַוויזן צו באַשאַפן אַ ספר פון אַזאַ מוראדיג גרויסן באַטייט, ווי דער „תולדות יעקב־יוסף", איז בודאי נישט געווען קיין פוסטע זאַך, וואָס מען האָט געקאָנט אַוועקפטרן פון דער וועלט דורך זידלערייען און חרמים.

ביי די פני פון די מתנגדים, ביי די רבנים און לומדים, האָבן זיך געעפנט די אויגן און זיי האָבן דערזעהן, אַז דער חסידיזם, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ נרדף, איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ רודף. מיר וועלן

---

*) תולדות יעקב יוסף; צפנת פענח.

שוין נישט רעדן דערפון, אַז זיי אַלע האָבן זיך געפונען שטאַרק באַלײדיגט פון די האַרבע דבורים, וואָס דער מחבר האָט זיי געשלײדערט אין פּנים אַרײן, הגם ער האָט קײנעם נישט אָנגערופן מיטן נאָמען. אָבער איטליכער האָט זיך געקאָנט גרינג דערקענען. אחוץ דעם האָבן זיי אינם ספר געפונען אַ סך ערטער, וואו דער מחבר האָט לויט זייער מיינונג פאַרלייקנט די גאַנצע יידישקייט. בקיצור, זיי האָבן געפונען, אַז דער מחבר איז אַלס אַ שונא אַ סך מסוכנדיגער, איידער ר׳ בער אַליין. עס איז דאָך פאַר זיי גענוג געווען צו הערן פון ר׳ יעקב-יוספן, אַז „אַ מענש טאָר נישט האָבן די טבע רק צו זיצן איבער די ספרים״, כדי צו זעהן אין דעם אַ צעשטערונג פון דער גאַנצער יידישקייט. און צו זייער גרויסן האַרצווייטאָג האָבן זיי געמוזט זעהן, אַז דער ספר האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן כח פון אַגיטאַציע פאַר חסידות און קעגן רבנות, וואָרום איצט האָבן דאָך טויזנטער מענשן געקאָנט לייענען די געדרוקטע ווערטער, וואָס זיינען פאַרטראָגן געוואָרן אין אַלע ווינקעלאַך פון די גלות-לענדער.

אויב חסידות איז ביז אַהער געווען אַ זאַך, וואָס האָט זיך געהאַלטן בסוד, אויב די תורה פון די צדיקים איז ביז אַהער איבערגעגעבן געוואָרן בקבלה נאָר פאַר עטליכע אויסדערווײלטע מענשן, פאַר עטליכע יחידי סגולה, וועלכע זיינען געבליבן געטריי דעם חסידישן קבוץ, איז זי צוליב דעם דאָזיגן ספר געוואָרן אַ זאַך, צו וואָס איטליכער האָט געקאָנט צוקומען און מיט וואָס איטליכער האָט געקאָנט באַקאַנט ווערן. אויב דער בעל-שם איז ביז אַהער באַקאַנט געווען אַלס בעל-מופת, אַלס אַ מענש, וואָס האָט זיך געעסקט מיט כשוף-מיטלען און רפואות, איז ער צוליב דעם דאָזיגן ספר (וואו ער איז אַן ערך 280 מאָל אָנגערופן געוואָרן „מיין רבי״) באַקאַנט געוואָרן אַלס אַ מענש, ווער ס׳האָט אַרויסגעזאָגט דערהויבענע, טיפע און אײדעלע סברות. אַ חוץ דעם דערציילט ר׳ יעקב-יוסף אין זיין ספר פון דעם בעל-שמס קדושה און גרויסקייט. אַזוי, למשל, האָט ער דערציילט, אַז דער בעל-שם האָט זיך מיט זיין נשמה אַרויפגעהויבן אין דער הויך און האָט געזעהן, ווי דער סניגור מיכאל האָט גערעדט לטובת דעם פאָלק ישראל, אַז אַלע זייערע זינד מוז מען דן זיין לכף זכות. און אַז מען פלעגט זיך וואונדערן און פרעגן: ביי וועמען האָט דאָס דער בעל-שם געלערנט תורה און פון וועמען האָט

ער איבערגענומען בקבלה די סודות התורה, — האָט ר׳ יעקב=יוסף אַנט=פּלעקט ווי אַזוי דאָס איז געווען: „אחיה השלוני, וואָס איז געווען פון די יוצאי מצרים און האָט איבערגענומען די תורה בקבלה פון משה רבנו און איז דערנאָך געזעסן אינם בית=דין פון דוד המלך און געווען דער רבי פון אליהו הנביא — ער איז געווען דער רבי פון מיין רבין, זכרונו לברכה״.

ווי אויבן דערמאָנט, האָט דער דאָזיגער ספר אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל בײַ די מתנגדים, רבנים און לומדים. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן כתבים פול מיט זידלערייען און אָנפאַלן; באַזונדער האָט עס אַרײַנגעבראַכט אין כעס דעם ווילנער גאון. דער דאָזיגער איז כל ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה, אײַנגעשפּאַרט אין די ד׳ אמות פון דער הלכה, און אינם תורה לערנען האָט ער געזעהן דעם גײַסטיגן גליק פונם פאָלק, און מיט אַמאָל באַווײַזט זיך אַ ספר פון עפּעס אַ חסיד, ווען מען האָט געהאַט אַרײַנגעלייגט אין חרם, וואָס פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז וואָס ווייניגער מען לערנט, איז אַלץ בעסער און גע=זונטער פאַר דער נשמה! און ער האָט דן געווען דעם ספר לשרפה. אין בראָד און אין אַנדערע ערטער האָט מען דעם ספר טאַקע פאַר=ברענט אויף אַ האָלץ=הויפן. איינער פון די חסידישע ספורי מעשיות דערציילט, וואָס פאַר אַ רעש אַזאַ מין באַפעל מצד דעם גאון האָט אָנגעמאַכט אין דער „פמליא של מעלה״. דער צדיק ר׳ מיכאל זלאָט=שעווער איז אָנגעקומען אינם „היכל העליון שטאַרק פאַרברוגזט, וואָס מען נעמט ברענען די ספרים פון ר׳ יעקב=יוסף״. ער האָט אויסגערופן: „צי איז דאָס ניט באַקאַנט דעם מי שאָמר והיה העולם, אַז ער האָט עס נישט געשריבן חלילה צוליב זיין אייגענעם כבוד, נאָר צוליב דעם כבוד פון דער תורה? דערנאָך איז ר׳ יעקב=יוסף אַליין אַרויפ=געקומען אין דעם „היכל השמים״: ער האָט געשריען און האָט זיך געקלאָגט, וואָס מען גייט ברענען זיינע ספרים״. און דערנאָך „האָט זיך געלאָזט הערן אַ גרויס געפילדער, אַזוי אַז אַלע וועלטן האָבן בפועל ממש אַ ציטער געטאָן און מען האָט אויסגערופן: מאַכט אַ וואַרע! וואָרום דער בעל=שם אַליין קומט אָן אינם היכל״. דער רבי אַליין איז געקומען בעטן רחמים פאַר דעם ספר פון זיין תלמיד.

דער ווילנער גאון האָט זיך מיט דעם פאַרברענען נישט באַגענוגנט.

דער ספר האָט אין אים אָנגעצונדן דעם פייער פון נקמה, און ער האָט זיך גענומען אַריינלייגן חסידים און חסידות אין נאָך אַ האַרבערן און שאַרפערן חרם. און כדי דעם חרם צוצוגעבן מער כח, כדי אין דעם חרם זאָל אָפּקלינגען דער ווידער־קול פונם גאַנצן פאָלק, פונם כלל־ישראל, האָט ער אויסגעקליבן די צייט פונם גרויסן יריד אין דער שטאָט סעלווע, אין ליטע, וואו עס פלעגן זיך אַלע יאָר פאַרזאַמלען אַ סך רבנים און פרנסי הקהלה, כדי זיך צו באַראָטן וועגן פאַרשיידענע ענינים. דער גאון און דער בית־דין פון זיינע רבנים האָבן אַהינצו געשיקט דעם נוסח פונם חרם, כדי די פרנסים און די רבנים אויפן יריד זאָלן געבן זייער חתימה. און כך הוה: ווארום ווער וואָלט זיך דערוועגט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם גאון און אים אָפּזאָגן אין וואָסער ס׳נישט איז בקשה? אונטער דעם נייעם חרם האָבן זיך געחתמעט אַ סך רבנים און פרנסים. דאָס איז געווען דעם 3 אלול אינם יאָר תקמ״א. דער חרם איז צוגעשיקט געוואָרן צו פאַרשיידענע קהלות, כדי זיי זאָלן אים מקיים זיין.

דעם דאָזיגן גאַנצן רעש האָט אָנגעמאַכט דער ספר „תולדות יעקב־יוסף“. ר׳ יעקב־יוסף האָט, פאַרשטייט זיך, געזעהן, צו וואָסערן פועל־יוצא זיין ספר האָט געפירט, אָבער ער איז פון זיינס נישט אָפּגעטראָטן און האָט ווייטער געלאָזט דרוקן זיינע ספרים „פורת יוסף“ און „צפנת פענח“ (זיין ספר „כתונת פסים“ איז אַרויסגעגעבן ערשט נאָך זיין טויט). די דאָזיגע אַלע ספרים זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ רוהיגערן טאָן און נישט מיט אַזאַ אימפעט בנוגע רבנים און מנהיגי הדור. משמעות, אַז דער קאַמף האָט אויף אים משפיע געווען גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — ער האָט זיך אויפגעהערט צו קריגן. אָבער פונם וועג פון חסידיזם איז ער נישט אָפּגעטראָטן אפילו אויף אַ רגע נית. אין זיינע שפּעטערדיגע ספרים האָט ער פאַרפעסטיגט חסידות פונקט אַזוי, ווי ער האָט עס געטאָן אין זיין ערשטן ספר. אויך אין זיי האָט ער אָפט געבראַכט דעם בעל־שמס ווערטער, אויך דאָרטן האָט ער דערציילט פון זיין קדושה: דער בעל שם האָט געקאָנט זעהן אַזוי וייט, ווי קיין איינציגער אַנדערער מענש, און האָט געהערט שטימען פונם הימל. און דאָס איז ידוע *), די מתנגדים האָבן באַגעגנט דעם ספר מיט

*) תולדות יעקב יוסף; צפנת פענח; שבחי הבעש״ט.

חרמים און זידלערייען, די חסידים מיט אויסגעשרייען פון שמחה און פרייד. דאָרט האָבן זיי פון איין צד געפונען דעם שורש און דעם יסוד פון חסידות, און פון דעם אַנדערן צד אַ באַוואָרעניש כלפּי חוץ. ר' פּנחס קאָרעצער, אַ ידיד און אַ חבר פונם בעל־שם, האָט מכּח דעם דאָזיגן ספר געשריבן: „אַזוינע ספרים זיינען ביז אַהער אויף דער וועלט נישט געווען, דאָס איז ממש תורה מן השמים" *). פאַר חסידות איז דער דאָזיגער ספר אין דער אמתן דער העכסטער בר־סמכא, פון אים האָט זי איר יניקה ביז דעם היינטיגן טאָג.

ר' יעקב־יוסף איז געשטאָרבן אין פּאָלאָנע, אינם יאָר 1782.

יח.

נאָכדעם ווי עס איז געשטאָרבן דעם בעל־שם־טובס יורש, זיינען זיך זיינע תּלמידים צעפאָרן, איטליכער צו זיך אַהיים. איטליכער פון זיי האָט געבויט אַ בית־המקדש פאַר דעם חסידישן גאָט. אַזוי ווי איטליכע נייע אמונה, וואָס שפּרייזט אַריבער די גרענעצן פון איר אייגענעם תחום, כּדי זיך דורכצושלאָגן אַ וועג דורך די מאַסן פונם פאָלק, האָט אויך חסידות אָנגעהויבן אָנצונעמען פאַרשיידענע פאָרמען אין הסכם מיט דער טבע און דעם כאַראַקטער פון די אָרטיגע יידן. אין יענער צייט, אַן ערך אַרום 1820—1775, זיינען געבאָרן געוואָרן די כאַראַקטעריסטישע עלע־מענטן פון חסידות בכלל. אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט פלעגט זיך חסידות באַווייזן אין נישט קיין גלייכע פאָרמען, אָבער די נפקא־מינה איז פונ־דעסטוועגן נישט געווען קיין גרויסע. ס'רוב זיינען דאָס געווען נאָר אויסנ־ווייניגסטע חלוקים.

אַ חלוק לויט דעם עצם און נישט נאָר לויט דער פאָרם אַליין געפינען מיר נאָר צווישן דער אוקראַינישער און דער ליטווישער חסידות. אוקראַינע איז קיינמאָל נישט געווען אַן אָרט פאַר דער ראַציאָנאַליס־טישער מעטאָדע פון רבנות, ווי אין אַנדערע יידישע מקומות. זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין ישיבות; גרויסע תּלמידי־חכמים, וואָס „זאָלן זיך ראַנגלען מיט אַנאַנד אין דער הלכה", זיינען דאָרטן געווען זעהר ווייניג.

*) מדרש פּנחס.

ווען נישט ווען טרעפן מיר אויך דאָרטן דעם אָדער יענעם גאון; באַזונדער איז די שטאָט אָסטראָוו באַוואוסט געווען דורך אירע גאונישע רבנים. דער רוב פון זיי איז אָבער געקומען פון דער פרעמד. זייער השפעה אויף די קהלות איז געווען זעהר אַ קליינע און דעם פאָלק זיינען זיי געווען פונקט אַזוי פרעמד ווי פריהער. דאָס, וואָס די רבנישע מע־טאָדן מיט זייער ראַציאָנאַליסטישע נטיות און דער השפעה פון די דאָזיגע נטיות אויף דעם פאַרשטאַנד האָבן זיך נישט געקאָנט צונעמען צו די אוקראַאינישע יידן, באַווייזט, אַז די דאָזיגע זיינען בטבע געווען ווייט פון אַזוינע מיני לומדים. דאָס אוקראַאינישע יידנטום איז דערפאַר געוואָרן אַ גינסטיגסטע קרקע פאַר דער נייער מיסטיש־רעליגיעזער באַוועגונג, נאָך וואָס עס האָט געגאַרט פון תמיד אָן די נשמה פונם יידישן פאָלק. עס איז טאַקע דערפאַר גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער חסידיזם האָט דאָרט נישט אָנגעטראָפן קיין שום מניעה אויף זיין וועג און איז, ווי מען זאָגט עס, אויפגענומען געוואָרן מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס. ער האָט דאָרט אָנגענומען אַ פאָרם, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו דעם כאַ־ראַקטער פון די דאָרטיגע יידן — אַ פאָרם, וואָס איז געווען ממש מחיה נפשות. זי איז מיסטיש נישט נאָר פונם צד פון איר רעליגי־עזער פּראַקטיק, נאָר אויך מצד פון איר רוחניות, וואָרום איר גאַנצע שטה איז אויפגעבויט אויף געפיל, פאַנטאַזיע און מיסטיק.

די פּאָעזיע פון חסידות איז געבאָרן געוואָרן אין אוקראַאינע און האָט זיך פון דאָנעט פאַרשפּרייט אין אַלע אַנדערע מדינות. אויף אַזאַ אופן איז אוקראַאינע געוואָרן דאָס וויגעלע פון חסידות. דאַ האָט געלעבט דער בעל־שם און דאָ איז פון אים געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געווען; דאַ איז ער אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, און ער אַליין האָט פאַרשפּרייט זיין אייגענע תורה; דאַ האָבן אויך געלעבט זיינע יורשים ר׳ בער און דער אַפּאָסטאָל פון חסידות ר׳ יעקב־יוסף הכהן. צו דער אַנטוויקלונג פון דער אוקראַאינישער חסידות און צו דער פאַר־פעסטיגונג פון אירע מיסטישע יסודות האָבן אַ סך גורם געווען די צוויי תלמידים ר׳ בערס, ר׳ נחום טשערנאָבילער און ר׳ לוי־יצחק בערדיטשע־ווער, וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען בראש פונם חסידיזם. ביידע האָבן זיי פאַרמאָגט אַ שטאַרקן געפיל און אַ הייסן דמיון; ביידע האָבן

זיי פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַרום אַריינצוגעבן די אוקראַינישע יידן ליבשאַפֿט צו זייער זאַך.

ר׳ נחום טשערנאָבילער האָט פֿריהער געשמט אַלס אַ לַמדן און אַ לוריאַנישער מקובל, און ווי נאָר ער איז געוואָרן דעם בעל=שמס אַ חסיד, אַזוי האָט ער געוואָרפֿן זיין גאַנצע לומדות. ער איז געווען איבערגעגעבן דעם חסידיזם בלב ונפש; צוויי מאָל איז אים באַשערט געווען צונויפֿצוקומען זיך מיטן בעל=שם, וואָס האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן דעם גאַנצן עולם=הבא צונעמען פֿאַר זיך. ער איז געווען די ערליכקייט און די ענוות אַליין. ער איז צופֿרידן געווען מיט אַלץ און האָט זיך באַגענוגנט מיט זאַכן, אָהן וואָס עס איז געווען אוממעגליך אויסצוקומען אינם לעבן. אין דער וועלט האָט ער געזעהן נאָר גוטס. פֿאַר זיינע אויגן האָבן זיך תמיד געטראָגן די ווערטער פֿון זיין רבין: אויף דער וועלט פּאַסירט נישט קיין בייז, „דאָס בייז איז נאָר אַ שטאַפּל פֿאַרן גוטס“. און אויך ער, ר׳ נחום, פֿלעגט זאָגן: „אין יעטוועדער זאַך איז דאָ עפּעס גוטס“. ער פֿלעגט תמיד אַרומפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון דאָרף צו דאָרף און האָט זיך געסטאַרעט צו באַלעבן דאָס פֿאָלק, ער האָט דערוועקט די איינגעשלאָפֿענע נשמה פֿונם פֿאָלק. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געדרשנט, מען זאָל פֿאָרן אין די ישיבות, כדי אַריינצונעמען אין זיך די רבנישע תורה. ער האָט געקענט די תלמידי=חכמים פֿון זיין דור, „וואָס זיינען געווען גרויס אין חריפֿות און פּלפּול, אָבער וייט פֿון דער אמתער יראת שמים“. „דאָס בייז — פֿלעגט ער ווייטער זאָגן — געוועלטיגט נאָך אין זיי זעהר שטאַרק און איז נישט געמינערט ביי זיי אַפֿילו אויף אַ האָר נישט“. ער האָט אויך נישט געדרשנט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל זיך דערווייטערן פֿון אַרבעט און עסקים, כדי צו פֿירן אַ לעבן אין סגופֿים און תעניתים, ווי די קבלת האר״י האָט עס געוואָלט, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעפּרובט אויף זיין אייגענעם גוף, איידער ער איז געוואָרן דעם בעל=שמס אַ חסיד. זיין אידעאַל איז געווען צו וועקן אין די מאַסן פֿון דעם המון איידעלע און דערהויבענע געפֿילן, אַ ליבשאַפֿט צו גאָט און צו אַלצדינג, וואָס איז הייליג און ריין.

ער האָט זיך געסטאַרעט קלאָר צו מאַכן די יסודות פֿון חסידות: „זאָלסט זיך למען השם נישט אָפּזאָגן פֿון אַלע יענע קנינים, וואָס

דאָס לעבן שיינקט דיר. פיר דיינע געשעפטן, אַרבעט, עס און טרינק, האָב הנאה פון דער ליכטיגקייט, פון דער זון און לאָז דיר וואויל גיין, זיי זיך משמח מיט דער שיינקייט פון דער וועלט, אָבער דערביי זאָלסטו אין די טיפסטע טיפענישן פון דיין נשמה פילן דעם געטליכן גייסט, „וואָס ליגט אין יעדער זאַך", דו זאָלסט דורכגעדרונגען זיין פון דעם איינציגן געפיל, אַז „גאָט און דו און אַלצדינג, וואָס פּאַסירט דורך דיר, זיינען איין איינציגע זאַך". די גאַנצע וועלט מיט אַלעמען, וואָס באַוועגט זיך אין איר, איז איין איינציגער האַרמאָנישער צונויפקלאַנג, דער כוד פונם כח פונם הימל, „אַלצדינג איז אַן אַנטפּלעקונג פון דער געטליכקייט". און דערנאָך, אַז דו וועסט שוין האָבן דערגרייכט די דאָזיגע מדרגה, פאַרשטייט זיך ממילא, אַז דו וועסט אויך „דורך דיינע עולם-הזהדיגע אינסטינקטן געפינען דעם וועג צו גאָט". וואָרום בייז איז בכלל נישט בנמצא אויף דער וועלט. אַלץ איז גוט און הייליג, „אַלצ-דינג איז גאָט" *). און דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל. אומעטום, וואו ר' נחום האָט זיך באַוויזן, פלעגן זיך צונויפ-קלייבן רעדלאַך, כדי צוצוהערן זיך צו זיינע ווערטער. אַמאָל אין שול, אַמאָל אויף דער גאַס, און אַמאָל אויך אין קאָמפּאַניעס פון גוטע פריינט.

ר' לוי-יצחק (1740—1809) איז געווען אַ מענש פון דעם אייגענעם מין. ער האָט פאַרמאָגט נאָך אַ גרעסערן כח צו נעמען דעם עולם.

יט.

ר' לוי-יצחק פלעגט נישט אַרומפאָרן, כדי צו פאַרשפּרייטן אומעטום דעם חסידיזם, ער פלעגט זיצן ביי זיך אין דער היים, און פון דאָרטן האָט ער משפיע געווען אויף דער אַרומיגער יידישער וועלט. פון אַלע קאַנטן אין דער סביבה פלעגן זיך צונויפפאָרן מענשן צוליב זייערע געשעפטן אין דער שטאָט בערדיטשעוו, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ מיטלפונקט פון מסחר און אינדוסטריע. זיי האָבן געזעהן דעם אויס-טערלישן מענשן און זיך דאָרשטיג צוגעהערט צו זיין תורה און צו

*) מאור עינים. זעה מיין בוך ר' נחום מטשרנוביל.

זיין פֿאַרדבֿקותדיקן דאַווענען, און איטלעכער פֿון זיי האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַלס אַ פֿאַרברענטער חסיד. מען האָט דערציילט בתמימות, אַז עס איז ניט געווען קיין איינציקער מתנגד, וואָס זאָל נישט ווערן קיין חסיד, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט ר׳ לוי־יצחקן דאַווענען. ער איז געווען אינגאַנצן געפֿיל און האָט „געברענט מיט אַ געטלעך פֿייער", ווי עס דריקט זיך אויס אַ לעגענדע וועגן אים. ער האָט זיך תּמיד געפֿילט אינאיינעם מיט זיין באַשעפֿער, מיט וועמען ער פֿלעגט זיך אויסטענהן, ווי זיין האַרץ האָט אים געגלוסט, אַקוראַט ווי איין מענטש מיט דעם צווייטן, אַמאָל בעטנדיק ביי אים רחמים און אַמאָל אויך בייזערנדיק זיך. קיינמאָל אָבער האָט ער עס נישט געטאָן צוליב זיינע אייגענע באַדערפֿענישן, נאָר צוליב די באַדערפֿענישן פֿון זיין פֿאָלק, וואָס איז אים געווען טייערער פֿאַר אַלצדינג אין דער וועלט און פֿאַר וועמען ער איז תּמיד גרייט געווען זיך מקריב צו זיין.

מיר געפֿינען נישט אינם גאַנצן גלות־יידנטום נאָך אַ צווייטן צו אים אין דעם דאָזיגן פּרט, נאָך אַזאַ מענטשן פֿון אַזאַ מוראדיקער גרויסער ליבשאַפֿט צו יידן און צום יידנטום. אין ערגעץ נישט הערן מיר אַזוינע ווערטער, — ווערטער, וואָס גייען אַרויס אַזוי טיף פֿון האַרצן, און אין זיי האָט מען געשפּירט אַזאַ אומענדלעכע בענקשאַפֿט. אַזאַ מין ליבשאַפֿט האָט געקאָנט האָבן איר שורש נאָר אין פֿלאַם־פֿייערדיקער התלהבות. חקירות איבער יידן און יידנטום זיינען אים געווען פֿרעמד. דאָרט וואו מען חקירהט זיך, זיינען דאָ אויך ספֿקות, זאָל זיין דער שטן פֿון אַ ספֿק, אַ ספֿק־ספֿקה, אָבער פֿאָרט ספֿקות. אָבער ר׳ לוי־יצחק איז קיינמאָל נישט געווען מסופּק אין זאַכן, וואָס זיינען נוגע יידן און יידנטום. יידנטום און ער זיינען געווען אַזוי צו זאָגן איינס, דאָס איז געווען זיין לעבן און נאָך מער ווי זיין לעבן. תּמיד, ווען ער רעדט פֿון יידן און יידנטום — און ווען רעדט ער נישט פֿון זיי — איז ער דורך און דורך ליבשאַפֿט, אַ ריינע, דערהויבענע ליבשאַפֿט, צו גאָט און צו ישׂראל. און זיין ליבשאַפֿט צום פֿאָלק ישׂראל קען נישט קיין גרענעצן. ער האָט זיין פֿאָלק מער ליב איידער אַלץ, וואָס איז אים טייער און הייליק. ער האָט דאָס אַפֿילו מער ליב איידער זיין גאָט. צוליב זיין פֿאָלק איז ער גרייט אַראָפּצונעמען גאָט פֿון זיין כּסא־הכּבֿוד. „גאָט, רופֿט ער איינמאָל אויס, אויב דו וועסט אַמאָל

גוזר זיין אַ צו האַלטן פּסק־דין אויף די יידן, וועלן מיר, צדיקים, אים מבטל זיין".

דאָס פֿאָלק ישראל איז אין זיינע אויגן אָהן שום פּגם, פריי פון יעטוועדער זינד, ריין און ציכטיג, אָהן אַ שום שפּרינקעלע אויף זיך. „און אַפילו מיר זיינען נישט מקיים אַליך, וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון אונז, זיינען מיר דאָך בעסער פאַר די אומות העולם". „מען טאָר נישט רעדן קיין שלעכטס פונם פאָלק ישראל, אדרבא מען דאַרף תמיד זיין אַ מליץ־יושר פאַר אים". ישראל איז דאָס העכסטע אויף דער וועלט: „ישראל, דאָס הייליגע פאָלק, איז העכער פאַר אַלע וועלטן".

אַזאַ מין קוק האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך תמיד אַמפּערן מיטן רבונו של עולם, און תמיד געפינט ער, אַז גערעכט איז זיין פאָלק און נישט גאָט. איינמאָל, דערציילט מען, איז ער געפאָרן אין וועג און האָט געזעהן, ווי זיין יידישער בעל־עגלה האָט געדאַוונט, שמירנדיג בשעת מעשה די רעדער פון וואָגן. דערזעהענדיג עס, איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויס התפעלות, אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער און ער האָט אויסגערופן אויפן קול: „רבונו של עלם, גיב נאָר אַ קוק, ווי דיין פאָלק דינט דיר! אַפילו ווען ער שמירט די רעדער פון וואָגן, פאַרגעסט ער נישט אין דיר און לויבט דיך, און דו האָסט נאָך טענות צו אים". „דער מליץ־יושר פאַרן פאָלק ישראל" — דאָס איז דער נאָמען, וואָס די אוקראַיניש־חסידישע פאַנטאַזיע האָט פאַר אים אַרויסגעפונען.

לויט די חסידישע השגות האָבן יידן זייער מליץ־יושר אויף דער וועלט, פונקט אַזו ווי זיי האָבן זייער מליץ־יושר אויף יענער וועלט, אין דער געשטאַלט פונם מלאָך מיכאל. די דאָזיגע ביידע שליחותן גייען תמיד אינאיינעם. אָבער נישט איטליכער דור איז זוכה גע־ווען דערצו צו זעהן זיין סניגור מיט די אייגענע אויגן. ס'רוב איז דער דאָזיגער סניגור איינער פון די יענע ל"ו צדיקים, וואָס לעבן באַהאַלטענערהייט אין איטליכן דור און אויף וועמען עס האַלט זיך די וועלט. אָבער ר' לוי־יצחק פלעגט אַרויסטרעטן אָפן בפני עם ועדה, און ער האָט אויסגעפירט זיין שליחות מיט אַ גרויסער בריהשקייט. ר' לוי־יצחק האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איינציגן פאַל, וואו ער האָט זיך געקאָנט אָננעמען פאַר יידן. איינמאָל, דערציילט מען, בשעת מען איז

זיך צונויפגעפאָרן אויפן יריד אין דער שטאָט בערדיטשעוו, איז ער אויפגעשטאַנען נאָך האַלבער נאַכט, האָט מיטגענומען מיט זיך ברויט און משקה און האָט זיך געלאָזט צום מאַרק. אויפן מאַרק איז געווען טויט שטיל. די סוחרים, סיי ייִדן, סיי גוים, זיינען געלעגן אויף די וואָגנס און אונטער די וואָגנס און זיינען געשמאַק געשלאָפן. דער רבי איז צוגעגאַנגען צו אַ ייִדן, האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף און האָט אים געזאָגט: „שטיי אויף, מיין פריינט, און נעם אַ ביסן. דעם גאַנצן טאָג האָסטו דאָך בודאי נאָך גאָר נישט אין מויל געהאַט. אָט נאַ דיר עפּעס און דערקוויק זיך". דער ייד האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט געענטפערט: „ניין, איך טאָר איצט נישט עסן, הגם איך וואָלט טאַקע געוועז אַ בעלן עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין, וואָרום איך בין הונגעריג; אָבער איך קאָן נישט מאַכן קיין המוציא, איך האָב קיין וואַסער נישט, מיט וואָס צו וואַשן די הענט". דעם רבינס פּנים האָט געשיינט פאַר שמחה. און אַזוי איז ער געגאַנגען צום צווייטן און צום דריטן ייִדן, און פון אַלעמען האָט ער געהאַט דעמזעלבן אָפּזאָג. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַ גוי און האָט אים געבעטן עסן. דער גוי האָט נישט געמאַכט קיין שיהות און האָט געשמאַק געגעסן. דער רבי אָבער איז געוואָרן אין אַנגעצונדענער פאַר גרויס התפעלות, ער איז אַריינגעפאַלן אין זיין שול אַריין, האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אינם ארון-קודש און האָט אויסגערופן: „רבונו של עולם! קוק אויף דיין פאָלק מיט מיינע אויגן, זעה דעם חילוק צווישן אים און די אומות העולם — און דו ווילסט אים נאָך משפטן און האַלסט זיך נאָך פאַר גערעכט?"

לויט אים איז דאָס פאָלק ישראל געשטאַנען אינם סאַמע מיטל-פונקט פון דער וועלט. עס איז ביי גאָט געווען דאָס טייערסטע קינד. אַליין, וואָס גאָט האָט ביז אַהער באַשאַפן און באַשאַפט היינט, טוט ער עס צוליב זיין געליבט קינד: „אַלע אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן זיינען באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב ישראל". דאָס פאַרהעלטעניש צווישן ישראל און גאָט איז געגליכן צו דעם צווישן אַ פאָטער און זיין געליבט קינד. דער פאָטער טוט אַלצדינג, וואָס דאָס קינד וויל: „גאָט פירט די וועלט, ווי ישראל וויל עס". זיין גאַנץ לעבן איז פול גע-ווען מיט יסורים. ער האָט אַ סך געליטן, אָבער נישט פון זיינע איי-גענע צרות, נאָר פון די צרות פונם כלל-ישראל, וואָרום ער איז געווען

אײנגאַנצן אויסגעבונדן מיטן כּלל און מיט גאָט, אַזוי אַז ער איז כּמעט בטל געוואָרן אין זײ. „ישראל ואורייתא חד הוא" — גאָט, ישׂראל און די תּורה זײַנען אײן אײנציגע זאַך. דעם דאָזיגן מיסטישן געדאַנק האָט דאָס געפֿיל־ייִדנטום באַשאַפֿן. לויט דעם דאָזיגן געדאַנק איז ישׂראל קײנמאָל נישט אײנער אַלײן, נאָר איז תּמיד באַהעפֿט מיט גאָט און מיטן ייִדנטום. פֿון דאַנען נעמען זיך ר׳ לוי־יצחקס יסורים. ער זעהט, װי זײַן פֿאָלק איז אין גלות גערודפֿט פֿון אַלע זײַטן. דאָס זעלבּע פֿאָלק, װאָס שטײט מיט אַ קאָפּ העכער איבּער אַלע אַנדערע אומות העולם, װערט געפּלאָגט אָהן אַן אויפֿהער, ר׳ לוי־יצחק זעהט עס און דאָס האַרץ װערט בײַ אים צעבּראָכן. אָבּער ער געפֿינט אַ טרײסט אין די צרות. סוף כּל סוף איז עס דאָך נישט אומזיסט, סוף כּל סוף האָבּן דאָך די צרות פֿונם פֿאָלק ישׂראל אַ הויכן ציל. ישׂראל לײַדט צוליבּ גאָט און צוליבּ דעם ייִדנטום. „װי זיס זײַנען מיר, רופֿט ער אויס, אַלע יסורים, דורך װאָס עס װערט געהײליגט גאָטס נאָמען אין דער גאַנצער װעלט."

נאָר פֿאַר אײן זאַך געפֿינט ער קײן נחמה נישט — דאָס, װאָס ישׂראלס גײַסט געפֿינט זיך אין גלות. ישׂראל אין גלות, דאָס ייִדנטום אין גלות, גאָט אין גלות. בעת ישׂראל איז פֿאַרטריבּן געוואָרן פֿון זײַן לאַנד, איז אויך די שכינה מיט אים מיטגעגאַנגען און איז פֿאַרװאָגלט געוואָרן אין דער פֿרעמד: „דאָ אין גלות איז אויך די שכינה אין גלות". און ר׳ לוי־יצחק װאַרט אויף יענע טעג, װען דער אידעאַל װעט בײַ אַלע מענטשן אָננעמען אַ ממשותדיגע געשטאַלט. „װען אַלע פֿעלקער װעלן גאָט קרוינען אַלס דעם אײנציגן קיניג", דעמאָלט „װעט אַל דאָס בײז כּלה װערן און עס װעלן נישט פֿאַסירן קײן שום פֿאַרבּרעכנס" — דאָס זײַנען די ימות המשיח. אין יענעם טאָג װעט קומען די אמתע גאולה, דעמאָלט װעלן אויך גאָט און דאָס ייִדנטום אויסגעלײזט װערן. אין יענעם טאָג װעט זיך ישׂראל אומקערן צו זיך אַהײם, צום לאַנד פֿון זײַנע אבות, װאָרום נאָר דאָרט קאָן מקוים װערן די אמתע גאולה. די „עליה צו גאָט" קאָן דערפֿילט װערן נאָר אין יענעם לאַנד, װאָס „איז הויך אין רוחניות" און אין דעם „גרויסן שׂכל". ישׂראל װעט דעמאָלט דערגרײכן די העכסטע מדרגה, װאָס אַפֿילו מלאָכים האָבּן עס נישט דער־גרײכט: „ישׂראל װעט זײַן אינם קדשי הקדשים און די מלאָכים װעלן בײַ אים פֿרעגן: װאָס טוט איצט גאָט?" נאָך דעם דאָזיגן גרויסן טאָג

האָט ר׳ לוי־יצחק גענאַרט, ער האָט געוואַרט אויף משיחן איטליכן טאָג, איטליכע שעה און איטליכע רגע. פאַר אים איז עס געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז עס איז אים נישט געבליבן לאַנג צו וואַרטן, אַז אָט, אָט וועט ער זיך באַווייזן, און דעמאָלט וועט קומען אַ סוף צו אַלע יסורים פון ישראל, סיי פון יידנטום און פון גאָט.

תשעה באב בין השמשות — אַזוי דערציילט אַ חסידישע לע־גענדע — בעת עס האָט זיך שוין געדאַט פאַרזאַמלט אַן עלם אין זיין שול, כדי צו קלאָגן און צו וויינען איבער דעם חורבן בית־המקדש, איז ר׳ לוי־יצחק געשטאַנען אין זיין פינסטערן חדרל און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער שטאַרק פאַרדבקהט, ער האָט אויף עמיצן געוואַרט. ווען נישט ווען פלעגט ער זיך צובויגן מיטן אויער, כדי צו דערהערן די טריט. אפשר קומט ער שוין אָן, אפשר געפינט ער זיך שוין אין די נאָהענט־סטע גאַסן — ער האָט געוואַרט אויף משיחן. אַן אגדתא זאָגט, אַז דער טאָג פון תשעה באב, דער טאָג פון חורבן, וועט אין ימות המשיח מגולגל ווערן אין אַ טאָג פון פרייד. און ר׳ לוי־יצחק, וואָס האָט כל ימיו געוואַרט אויף משיחן, האָט אין תשעה באב אויף אים געוואַרט מיט אַ באַזונדערער התמדה. עס איז שוין געוואָרן שפּעטליך, און די יידן אין שול האָבן געוואַרט אויפן רבין, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פענסטער פאַר־זונקען אין זיינע מחשבות. עס איז געקומען דער שמש און האָט אים אַריינגערוימט אין אויער: „רבי, עס איז שוין, כ׳לעבן, צייט אָנצוהויבן די קנות; דער עולם זיצט שוין לאַנג אויף דער ערד און וואַרט“. די דאָזיגע ווערטער האָבן אים געטראָפן ווי אַ דונער. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַרומגעקוקט זיך, וואו ער איז אין דער וועלט. ווי שרעקליך איז דאָך דאָס לעבן אויפן וואָר! די יידן אין גלות, דאָס יידנטום אין גלות, גאָט אין גלות — און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ... מיט אַ שרעק־ליך געשריי האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין שול אַריין, ער איז אַנידער־געפאַלן אויף דער ערד נעבן דעם ארון־קודש און האָט אָנגעהויבן צו וויינען אויפן קול: „איכה ישבה בדד“. אָט אין אַזוינע בילדער האָט די אוקראַינישע חסידות באַשריבן איר געליבטן רבין.

אויף דעם אוקראַינישן חסידיזם האָבן די דאָזיגע צוויי רביים — ר׳ נחום און ר׳ לוי־יצחק — געהאַט די גרעסטע השפּעה, זיי האָבן אים אָנגעזאַפּט מיט געפיל, פאַנטאַזיע און מיסטיק.

ב.

ר׳ פנחס דער קאָריצער אָדער, ווי די חסידים רופן אים אָן, „ר׳ פנחס דער גדול” איז געווען אַן אַנדערער קעמפער פאַרן חסידיזם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פעולה אין גאַנץ אוקראַינע. געבאָרן איז ער געוואָרן אינם יאָר 1728, ער איז געווען דער זון פון אַ ליטווישן יידן ר׳ אברהם, וואָס האָט געקאָנט גוט לערנען. ר׳ פנחס איז דערצויגן געוואָרן לויט דעם שטייגער פון די ליטווישע יידן. מיט גרויס התמדה האָט ער געלערנט גמרא און אַנדערע ספרים פון דער רבנישער ליטע־ראַטור, שאַרפנדיג זיין מח דורך פאַרשיידענע שאלות ותשובות. אין יענער צייט איז שוין דער בעל־שם אומעטום באַוואוסט געווען. מיט זיין חסידישער תורה האָט געקלונגען גאַנץ אוקראַינע. הערנדיג די פאַר־שיידענע מעשיות וועגן זיינע מופתים, פלעגן יונגעלייט קריגן גרויס התפעלות און זייער פאַנטאַזיע פלעגט זיך דערביי שטאַרק צעשפּילן. איינער פון די דאָזיגע יונגעלייט איז אויך געווען ר׳ פנחס, וואָס האָט די גאַנצע צייט ביז אַהער געפירט אַן אָפגעזונדערט לעבן. אַז מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן פונם בעל־שם אין וואָלין, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ מיסטישער בייגקשאַפט, וואָס האָט סוף כל סוף גובר געווען זיין טרוקענע לומדות. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין קבלה און מוסר־ספרים, באַזונדערס אין די ספרים „חובת הלבבות”, „הלכות דעות” פונם רמב״ם, „ספר הישר” פון רבינו תם, דעם „פרדס” און דעם „זוהר” און אין כתבים פון רבי יצחק לוריה.

די דאָזיגע ספרים האָט ער געלייענט מיט גרויס ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. דאָס לייענען פון די דאָזיגע ספרים האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ גרויסע און טיפע איבערקערעניש. די וועלט האָט זיך אים באַוויזן גאָר אין אַן אַנדער שיין, און ער האָט אין איר אַנטפּלעקט זאַכן, אויף וואָס ער פלעגט זיך פריהער גאָר נישט פאַרטראַכטן. אויף דער צייט פון זיין גמרא לערנען האָט ער שפּעטער געקוקט, ווי אויף אַ תקופה פון גייסטיגער פוסטקייט, וואָס האָט קיינעם קיין שום נוצן נישט געבראַכט. אָנשטאָט דעם פריהערדיגן פלפול האָט ער זיך איצט אינ־גאַנצן פאַרנומען מיט קבלה, אין איר האָט ער געזעהן דעם קוואַל און דעם תוך פון לעבן; ער איז געוואָרן אַ שונא זיין גאַנצן ביזאַהעריגן

דיינק־שטייגער. „פון גמרא לערנען האָב איך נישט אַזאַ הנאה ווי פון זוהר“.

ר׳ פנחס האָט אָנגעהויבן צו האַלטן מיט אַלע חסידים צוגלייך, אַז לומדישע פּוחים זיינען נישט דער עיקר, נאָר אַז דער עיקר איז דער ריינער, אינעווייניגסטער געדאַנק. „דו מיינסט — זאָגט ר׳ פנחס — אַז לערנען קאָן מען נאָר מיטן קול און מיטן דבור. מען קאָן אָבער לערנען אויך בלויז מיטן געדאַנק“. „עס איז פאַראַן אַזאַ מין תורה, וואָס זי איז העכער ווי אַלע רייד און אַלע דיבורים, און דאָס איז דער אינעווייניגסטער, ריינער געדאַנק“. דער דאָזיגער ריינער געדאַנק „איז ביכולת אַרומצוכאַפּן מיט זיין קוק די גאַנצע וועלט, נישט ווערנדיג פאַרהאַלטן דורך קיין שום קערפּערליכער זאַך“. די יסודות פון זיין חסידישער תורה זיינען אָט וואָסערע: „אַ פשוט, אָהן חכמותדיג גלויבן אין גוטע, ערליכע מדות אָהן שום זייטיגע פניאות“. „מיט אַלע מיינע רייד, זאָגט ר׳ פנחס, בין איך אויסן נאָר איין איינציגע זאַך: פאַרשטאַרקן און צו פאַרפעסטיגן די אמונה, ווארום איך ווייס, אַז הקדב״ה איז פאַראַן אין יעטוועדער זאַך אויף דער וועלט“. „די שכינה רוהט אַפילו אין יעטוועדן אָרט“, ווארום „די גאַנצע וועלט איז גאָט, הקדב״ה אַליין“. גוטע מדות זיינען דער תוך פונם יידנטום. אויף זיין פאָן זיינען געשריבן „אמת און ענוות“, און די דאָזיגע פאָן האָט דאָס יידנטום פון תמיד אָן הויך געהאַלטן. „ליגן זאָגן איז פונקט אַזאַ מיאוסע עבירה ווי בלוטפאַרמישונג“, מען דאַרף זיך בעסער לאָזן טויטן, איידער זיך לאָזן פאַרפירן צו אַ ליגן: „בעסער זאָל די נשמה אַרויס פון גוף, איידער אַ ליגן פון דיין מויל“. אַז די גאַנצע וועלט וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן, וואָלט שוין לאַנג „משיח געקומען“. אַפילו צו די קליינע קינדער פלעגט ער טענען, אַז מען טאָר נישט זאָגן קיין ליגן, סטאַרענדיג זיך צו עפענען פאַר דער נשמה פונם קינד די וועלט פון זייגע געדאַנקען. מיט זייגע זין פלעגט ער איינחזרן אָט וואָסערע תפלה: „רבונו של עולם, פיר אונז אויף דעם דרך האמת“.

ענוות איז לויט אים געווען די צווייטע זייל, אויף וואָס עס האָט זיך געהאַלטן דאָס יידנטום. „ווי פרום און פול מיט מצוות אַ מענש זאָל נישט זיין, איז ער דאָך גאָר נישט ווערט, אויב ער האָט דעם מינדסטן טייל פון גאוה אין זיך“. און נאָר אויף מענשן אָהן גאוה קאָן רוהען די

שכינה. און מהאי טעמא איז דער באַשטראָפטער אין זיינע אויגן חשובער, איידער דער באַשטראָפער. וואָרום „דער באַשטראָפטער, וואָס גייט אין זיינע עניוות אַזוי ווייט, אַז ער איז מקבל באהבה די שטראָף, איז דאָך בודאי אַן ענו, און עס שטייט אין פסוק: ביי וועמען בין איך (גאָט ?) ביי די געבויגטע און די דערנידעריגטע. און דערפון איז גע־דרונגען, אַז די שכינה רוהט ביי די באַשטראָפטע". און פון זיך אַליין פלעגט ער זאָגן: „פון מיר איז געוואָרן דאָס, וואָס איך בין איצט נאָך צוליב דעם, וואָס איך בין געזעסן אין אַ באַהאַלטן ווינקעלע, איצט אָבער, בעת איך פאַרנעם אַ חשובן אָרט, הער איך שוין אויף צו פאַרשטיין די כתבי הקודש". דער „אמתער ייד" איז אין זיינע אויגן העכער פאַר אַלצדינג אין דער וועלט. אַפילו זיין גוף אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס, די „חיה אין אים" איז געריינגט, וואָרום „אַז אַ מענש ווערט באַפרייט פון דער ליכטיגקייט פון דער הייליגער דערלויכטונג, ווערט אויך די חיה אין אים באַפרייט פון דער דאָזיגער ליכטיגקייט".

הגם ער האָט געקוקט פעסימיסטיש אויף דער וועלט, געזעהן אין איר מער בייז איידער גוטס, האָט ער דאָך באַטראַכט דעם מענשן מצד דער גוטסקייט, וואָס שטעקט אין אים. בודאי פאַרמאָגט דער מענש אין אַ גלייכער מאָס גוטע און שלעכטע מדות, וואָס ר' פנחס רופט אָן דעם גן־עדן און דעם גיהנום, אָבער דער מענש איז מחויב זיך צו סטאַרען, אַז דער גן־עדן זאָל גובר זיין דעם גיהנום. מען טאָר זיך נישט זידלען און שעלטן, מען טאָר זיך נישט שווערן, אין כעס זיין און אַריינפאַלן אין עצבות; דער מענש זאָל זיך תמיד סטאַרען צו רעדן „אין אַ ווייכן און רוהיגן טאָן, ער זאָל איטליכס וואָרט אָפמעסטן און אָפוועגן אויף דער וואָגשאָל פונם שכל", וואָרום איטליכס וואָרט „קומט צום מענשן פון אויבן" און אין איטליכן וואָרט „ליגן די צען ספירות". דער „אמתער ייד" דאַרף זיין אַ הייליגע כלי פון דער געטליכקייט. ער מוז זיך סטאַרען צו „דינען דעם בורא מיט איטליכער באַוועגונג און מיט איטליכער טואונג".

אָבער נישט נאָר מיט די מעשים אַליין קאָן מען גאָט דינען, נאָר אויך מיט די געדאַנקען און מיטן לערנען. ער „דערלויבט" דעם למוד „פון חשבון און אַנדערע זאַכן", „דעם למוד פון גראַמאַטיק און אַנ־דערע למודים", נאָר מיט דעם איינציגן תנאי, אַז אַלע די דאָזיגע למודים

זאָלן האָבן אין זינען דאָס הייליגסטע, „די תורה“, וואָרום „אַלע וויסנשאַפטן זיינען צווייגן פון דער תורה“. אין דער תורה גייען זיך צונויף אַלע קענטעניש, אין איר „ווערן אָנגעטייט אַלע מיני רפואות“. קיצור הדבר — „די תורה איז אַלץ און אַלץ איז די תורה“. עס איז נישטאָ קיין איינציגע זאַך אויף דער וועלט, אין וואָס עס זאָל זיך נישט אַנטפּלעקן גאָטס תורה. און „ווער עס זאָגט: די תורה איז אַ זאַך פּ אַ ר ז י ך און די עולמשע קענטענישן זיינען אַ זאַך פּ אַ ר ז י ך, דער איז אַן אַפּיקורס“.

די תפלה איז איינע פון די חשובסטע פאָרמען פון דער עבודת הבורא, וואָרום „תפלה און גאָט זיינען איין איינציגע זאַך, איין איינציגע אחדות“. די תפלה אַליין איז די געטליכקייט און „איטליכס וואָרט פון די הייליגע רייד און פון דער תפלה נעמט אַרום אַלע וועלטן, מלאָכים און נשמות“. מתפלל זיין דאַרף מען שטילערהייט, אָהן שום באַוועגונג, וואָרום נאָר דאַן קאָן זיך דער מתפלל באַהעפטן מיט גאָט, וואָרום „די תפלה איז אויסן זיך צו באַהעפטן מיט דעם שעפער פון דער וועלט, און דער דאָזיגער באַהעפט איז אויסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די גשמיות און אַז מען וואַרפט פון זיך אַראָפּ די גשמיות, זונדערט זיך אָפּ די נשמה פונם גוף“.

אין אַן אַנדער אָרט איז ער מסביר דעם ענין פון דער דאָזיגער אָפּזונדערונג אָט אויף וואָסערן אופן: „ווי נאָר עס שפּרייט זיך פונאַנדער די מאַכט פון דער מחשבה אין איר גאַנצער פולקייט, אַזוי ווערט די דאָזיגע מאַכט, וואָס האָט אין זיך קיין שום גשמיות נישט, אַזוי שטאַרק, אַז אַלץ, וואָס מען דערפילט מיט די חושים, ווערט בטל פון זיך אַליין און די געדאַנקען באַפרייען זיך פון דער מאַטעריע. דאַן ווערט מעגליך אויפצוהויבן דעם ריינעם, באַפרייטן געדאַנק, ד. ה. דעם געדאַנק, וואָס איז פריי פון דער חושיות צו אַזאַ מדרגה, אַז ער נעמט אָן אַ ממשותדיגע געשטאַלט, און דעמאָלט ווערט אויך מעגליך תופס צו זיין די פולקאָמע מענשליכע אמתן“. די תפלה מוז אַרומנעמען דעם גאַנצן כלל. דער מתפלל טאָר נישט בעטן פאַר זיך אַליין, וואָרום איטליכע תפלה, „וואָס ווערט נישט געטאָן אינם נאָמען פון כלל־ישראל, איז קיין תפלה נישט“. און נאָך מער: „מען מוז מתפלל זיין פאַר די שלעכטע מענשן צווישן די אומות העולם“. דאַוונען מוז מען באַגינען, „איידער

די וועלט ווערט אָנגעפילט מיט׳קלייניגקייטן און דברים של מה בכך״ און „איידער דער מענש הייבט אָן צו רעדן דברים בטלים״.

אָט אַזאַ כאַראַקטער האָבן געטראָגן ר׳ פנחסעס דרשות. באַלד האָט ער געקראָגן אַ שם אין דער גאַנצער חסידישער וועלט. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ער איז אין אַלעמענס אויגן געוואָרן אַ הייליגער. פון אומעטום האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים חסידים, כדי צוצוהערן זיך צו זיין תורה, און צו זיי האָבן זיך געחברט אויך מענשן, וואָס זיינען באַוואוסט געווען דורך זייער לומדות. צווישן די לעצטע איז באַזונדערס נכר געווען זיין תלמיד ר׳ רפאל דער בערשידער. ער איז פאַר זיין רבין געוואָרן דאָס, וואָס רבי נתן איז געווען פאַר ר׳ נחמן מבראַצלאַוו, אָדער, וואָס ר׳ יעקב־יוסף איז געווען פאַרן בעל־שם. ער איז געוואָרן זיין נביא. ער פלעגט פאַרשרייבן דעם רבינס ווערטער, און נאָר צוליב אים האָבן זיך די דאָזיגע דערהאַלטן ביז אויף אונז. אַז ר׳ פנחס איז נפטר געוואָרן, האָט ר׳ רפאל ווייטער געפירט די אַרבעט פון זיין רבין. אַרום אים האָט זיך צונויפגעקליבן אַ באַזונדערע קאָמפּאַניע פון חסידים, וואָס זייגען באַוואוסט געווען אַלס די בערשידער חסידים.

ר׳ פנחס האָט געפונען, אַז עס איז גלייכער צו זאָגן תורה פאַר אַלטע לייט, וואָרום ביי אַלטע לייט האָט ער געפונען יענע מדות, וואָס זיינען אים געווען אַזוי טייער: פשטות און ענוות, און מהאי טעמא האָט ער פראָסטע מענשן ליבער געהאַט פאַר געלערנטע און פלעגט דרשענען פאַר דעם פראָסטן עולם. ער האָט געגלויבט, אַז דעם צדיקס ווערטער קאָנען אַריינדרינגען אין די הערצער פון די צוהערער און מוזן מיט דער צייט האָבן אַ פעולה. „אם תאבו ותשמעו, פלעגט ער זאָגן, אויב איר וועט וועלן און הערן, וועט גוט זיין, און אויב נישט, וועלן זיך מיינע ווערטער נאָכיאָגן נאָך אייך, וואָרום יעדער וואָרט און אַפילו יעדער גערויש האָט זיין באַשטימטן אָרט, און אַז אַ מענש נעמט אַריין דאָס דאָזיגע וואָרט צו זיך אין האַרצן אַריין, דעמאָלט געפינט עס זיין רוה; אויב נישט, יאָגן זיך די ווערטער נאָך דעם מענשן מיט אַלע מיטלען, ביז דער מענש וועט בעסער און זיי געפינען אין אים אַ מקום מנוחה״. און אין דער אמתן האָבן זיך דעם רבינס ווערטער נאָכגעיאָגט נאָך זיינע תלמידים און האָבן זיי אויך דערגרייכט. זיינע תלמידים זיינען אומעטום נכר געווען דורך גוטע און ערליכע מדות, באַזונדערס די אַזוי אָנגערופענע „בערשידער

חסידים", וואָס זיינען באַוואוסט געווען אונטער דעם נאָמען "די שוויי-גערים". וואָרום דער רבי האָט איינגעוואָרצלט אין זיי דעם כּלל, אַז "וואָס שפּאָרעוודיגער אַ מענש איז מיט זיינע ווערטער, אַלץ מער דערגרעהענ-טערט ער זיך צו דער קדושה", וואָרום וואָס ווייניגער מען רעדט, אַלץ ווייניגער זאָגט מען ליגנס, אַלץ ווייניגער רעדט מען לשון-הרע און אַלץ ווייניגער חנפעט מען.

מען דערציילט אויך, אַז ער פלעגט פון זיך אַליין רעדן בזה הלשון:

"איך היט זיך דערפון, צו זאָגן אַ סך אמתן, וואָרום איך האָב מורא, אַז איך זאָל נישט ווילנדיג זאָגן אַ קליינעם ליגן". ר' פּנחס האָט זיך גע-סטאַרעט צו רייניגן זיינע חסידים פון אַלע נישט שיינע מדות, ער האָט זיך געסטאַרעט, אַז זיי זאָלן אומעטום קענטיג זיין דורך זייערע מעלות און זיך נישט אויסמישן מיט אַנדערע. און אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מלחמה פון איין צד צווישן די מתנגדים און די חסידים, און פון דעם צווייטן צד צווישן דעם "צדיק פון שפּאָלי" און ר' נחמן מבראַצ-לאַוו, האָט ר' פּנחס געהייסן זיינע חסידים, "זיי זאָלן פון די דאָזיגע זאַכן נישט רעדן און שווייגן" *).

ר' פּנחס איז נפטר געוואָרן דעם 14 אלול אינם יאָר תקנ"א (1791) אין דער שטאָט שעפּעטאָווקע אויף דעם וועג קיין ארץ-ישראל.

כא.

אין יענער צייט האָבן אין אוקראַינע געלעבט צוויי מענשן, וואָס האָבן שטאַרק משפּיע געווען אויף דער אַנטוויקלונג פונם חסידיזם נישט דורך זייער לומדות און קענטעניש, נאָר בלויז דורך זייער פּערזענליכ-קייט. דער ערשטער פון זיי, ר' אברהם, אַ זון פון ר' דוב-בער מעזשי-ריטשער, איז באַוואוסט געווען אונטער דעם נאָמען דער "מלאך"; דער צווייטער פון זיי איז דער נישט ווייניגער באַוואוסטער ר' ליב-שרהס.

ר' אברהם האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן געפירט אַן אָפּגעזונדערט לעבן. ער פלעגט ווייניג עסן, ווייניג שלאָפן און פלעגט זיך פאַרטיפן אין קבלה-ספרים. זיין פאָטער ר' בער האָט זיך געסטאַרעט, אַז זיין זון זאָל

---

*) מדרש פּנחס און האַנטשריפטן.

זיין אויך אַ וואָויללערנער און האָט אין איינעם פון זיינע תלמידים געפונען פאַר אים אַ רבין. דאָס איז געווען דער אומעטום באַוואוסטער למדן ר׳ שניאור-זלמן. אָבער דער טרוקענער למוד האָט נישט געקאָנט באַפרידיגן די נשמה פונם יונגען תלמיד מיט אירע מיסטישע נטיות; ער פלעגט אין יעטוועדן אָרט אין דער גמרא זוכן קבלה-רמזים. איינמאָל האָט זיך ר׳ שניאור-זלמן באַקלאָגט פאַרן פאָטער וועגן דעם דאָזיגן זוכעניש. דער פאָטער האָט אים געענטפערט: „זאָל נאָר מיין זון גיין מיט זיין אייגענעם דרך, דו טייטש אים אוים די גמרא, ווי דו פאַרשטייסט עס, און ער טייטשט זי אוים, ווי ער פאַרשטייט עס. ווייז אים נאָר די דרויסנדיגע זייט פון דער גמרא, און ער וועט שוין דיר דערקלערן דעם תוך פון איר״. ווי אַזוי ער האָט געדאַוונט און בכלל וועגן דעם גאַנצן אופן פון זיין גאָט-דינען, דערציילט אַ לעגענדע, וואָס איז דערגאַנגען ביז אונז. דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער זיצן אין טלית און תפילין, איינגעשפאַרט ביי זיך אין חדר, און דערביי פלעגט ער זיך איינגאַנצן איינוויקלען אין טלית, אַזוי אַז קיינער פלעגט נישט זעהן זיין פנים. מען פלעגט פון אים זאָגן: דאָס איז אַ הייליגער מענש, זיין פנים איז געגליכן צו גאָטס פנים, קיין בשר ודם איז ניט ביכולת אים אָנצוקוקן. זיין אייניקל, ר׳ ישראל ריזשינער, פלעגט זאָגן וועגן אים: „דאָס איז געווען בפועל ממש אַ מלאָך; זיין גאַנצע אכילה איז באַשטאַנען פון דער הויט פון אַ יונג טייבעלע, אַ בשר ודם וואָלט פון אַזאַ מין אכילה נישט געקאָנט לעבן״.

ווי מען זעהט, האָט זיך דער חסידיזם געפלייסט אויסצומאָלן ר׳ אברהמען אַלס אַ מענשן פון לויטער רוחניות, וואָס האָט געפייניגט זיין גוף. מען דערציילט נאָך אַ חוץ דעם, אַז בעת דער פאָטער האָט אים צוגערעדט, ער זאָל חתונה האָבן, האָט ער געוויינט, וואָרום ווי אַזוי זאָל ער זיך דערנידעריגן אָנצורירן אַ נקבה? פונדעסטוועגן איז ער סוף כל סוף מרוצה געוואָרן, נאָר כדי מקיים צו זיין די מצוה פון פריה ורביה. ער האָט גובר געווען זיין פחד פאַר דעם חתונה האָבן און האָט גענומען אַ ווייב, וואָס האָט אים געשיינקט פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער. „פיר מאָל, פלעגט ער זאָגן, האָב איך באַרירט מיין ווייב, פיר מאָל האָב איך געפלאַנצט נטיעות״.

ר׳ יצחק ראַדזיווילאָווער, אַ פרומער ייד פון יענער צייט, האָט איינמאָל געוואָלט אַ קוק געבן אויף דעם „מלאָך״. ער איז צו אים געקומען

ערב תשעה באב און איז אינאײנעם מיט אים געגאנגען אין שול אריין זאגן קנות. דער עולם איז געזעסן אויף דער ערד, און דער חזן האט שוין אנגעהויבן צו זאגן: „איכה ישבה בדד"... ר' אברהם האט פלוצים אויסגעשריען אויפן קול: „איכה!"... אריינשטעקנדיג דעם קאפ צווישן די קני און בלייבנדיג זיצן שטילערהייט. דער חזן האט שוין פארענדיגט זיינע תפלות און דער עולם איז זיך צעגאנגען אהיים, אבער ר' אברהם איז נאך אליין געזעסן, האלטנדיג דעם קאפ צווישן די קני און אהן שום באוועגונג. זיין אורח, ר' יצחק, איז מיט אים געזעסן ביז האלבער נאכט און איז דערנאך אויך אוועקגעגאנגען אהיים. אויף מארגן איז ער ווידער געקומען אין שול אריין. און וואס האט ער דערזעהן? ר' אברהם איז נאך אליין געזעסן ווי אין דער רגע, בעת ער האט פארלאזט די שול. ר' אברהם איז געבליבן זיצן ביז צו אונט-צייט. „נישט אומזיסט — האט דערנאך ר' יצחק געזאגט — רופט מען אים דער מלאך. דער דאזיגער נאמען געפינט זיך בהסכם מיט זיין גאנצן מהות, ווי אויך מיט זיינע מעשים".

דער צדיק ר' ברוך מעדזשיבאזשער, דעם בעל-שמס אן אייניקל, האט פון זיינע חברים, אנדערע רביים, נישט שטארק געהאלטן, און ער האט זיך אפילו איינמאל ארויסגערעדט: „איך וואלט וועלן זיין דער שר איבער אלע צדיקים". דאך האט ער פאר אברהמען געמוזט איינבויגן דעם קאפ. איינמאל איז ער געפארן, כדי צו זעהן דעם גרויסן חדוש. ער האט זיך נישט דערוועגט אריינצוגיין אינם חדר, וואו דער „מלאך" איז געזעסן, און האט נאר אריינגעקוקט אין פענסטער, און אז דער „מלאך" האט זיך א הויב געטאן פון ארט און אויף אים א קוק געגעבן, האט ער זיך אזוי דערשראקן, אז ער איז געשווינד אנטלאפן. אין דער שטאט פאסטאוו האט דער „מלאך" דערלעבט זיינע לעצטע יארן. געלעבט האט ער דארט פונקט ווי פריהער, אין א פולקאמער אפגעזונדערקייט פון דער וועלט. דעם עולם אבער האט זיך שטארק געגלוסט איינמאל א קוק צו טון אויף אים; און אז ר' נחום טשערנאבילער איז איינמאל דורכגעפארן דורכן שטעטל, האט אים דער עולם געבעטן, ער זאל צורעדן דעם „מלאך", אז ער זאל זיך באווייזן. ר' נחום האט זיי דערפון אפגערעדט. אבער היות ווי דער עולם האט אים שטארק געבעטן, איז ער מרוצה געווארן. אין יענעם טאג איז גראד געווען א ברית-מילה

ביי איינעם פון די תושבים פון שטאָט. דער „מלאך" האָט געוואָלט זיין סנדיקאָ און ר׳ נחום דער מוהל. די ברית־מילה האָט געזאָלט פאַרקומען אין שול, און דער גאַנצער שטעטלשער עולם פון גרויס ביז קליין האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט. און עס האָט זיך געטראָפן אַ נס, אַז די קליינע שול האָט אַריינגענומען אין זיך אַ גרויסע מאַסע מיט מענשן. עס איז אַריינגעקומען דער „מלאך" איבערגעדעקט מיטן טלית, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן שטול, כדי צוצונעמען דאָס קינד. פאַוואָלי האָט ער אָנגעהויבן אויפצוהייבן דעם טלית. דער עולם איז געשטאַנען און האָט געקוקט מיט גרויס טשיקאַווקייט, וואָרום ער האָט קוים געקאָנט דערוואַרטן די מינוט, ווען עס וועט אים באַשערט זיין צו דערזעהן דעם „מלאך" פנים אל פנים, און דאָס איז ביי זיי געווען, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערזעהן גאָט אַליין פנים אל פנים. אָבער ווי גרויס איז געווען דער פחד פונם עולם, בשעת דער „מלאך" האָט אים באַוויזן זיין געזיכט! צעמישט און מבולבל איז זיך דער עולם צעלאָפן פון דער שול. אָט אַזוי האָט די חסידישע פאַנטאַזיע געזוכט אויסצומאָלן ר׳ אברהמען. די חסידים האָבן געגלויבט באמונה שלמה, און גלויבן נאָך עד היום, אַז ער איז געווען ממש אַ מלאך, וואָס האָט אָנגענומען אַ מענשליכע פאָרם.

ר׳ אברהמס פרישות איז דעם פאָטער שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן. אָפט פלעגט ער אים בעטן נישט צו גיין אין אַזוינע דרכים, אָבער קיין שום זאַך האָט נישט געהאָלפן. אַ חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז דער פאָטער פלעגט זיך אויך נאָכן טויט באַווייזן דעם זון אין חלום און זיך בעטן ביי אים, ער זאָל אַוועקוואַרפן זיין פרישות, וואָרום פאַר אַ מענשן איז עס בחזקת סכנה צו דערגרייכן אַזאַ הויכע מדרגה, אַז מען זאָל קאָנען געגליכן ווערן צו אַ מלאך. אָבער דער זון פלעגט אים ענטפערן, אַז ער קען נאָר איין איינציגן פאָטער, און דאָס איז דער אב הרחמים, דער רבונו של עולם; אַ פאָטער, אַ בשר ודם, איז פאַר אים נישט בנמצא. נישט קוקנדיג אָבער אויף דעם טיפן חלוק צווישן דעם לעבנס־שטייגער און דעם גאַנצן אופן פון גאָט־דינען ביים פאָטער און ביים זון, זיינען זיי דאָך ביידע זעהר ענליך געווען איינער צו דעם צווייטן אין אַלצדינג, וואָס איז נוגע די יסודות פון דער חסידישער תורה. אין זיינע כתבים „חסד לאברהם" טרעט דער „מלאך" נישט אָפ אויף קיין האָר פון דער בעל־שמישער חסידות. אויך אין זיינע אויגן איז דער צדיק

דער יסוד, דער וואָרצל און דער קוואַל פון דער גאַנצער בריאה. „דער צדיק, זאָגט ער, איז דער יסוד פון דער וועלט, דורך אים קומט אַריין דאָס גוטס און די גאַנצקייט אין די אונטערשטע וועלטן, קיין שום געט־ליכע אַנטפּלעקונג איז נישט מעגליך, איידער זי גייט דורך דורך דעם צדיק". „דער צדיק טראָגט אַריין געטליכע השגות אין אַלע וועלטן", דורך אים „ווערט דער דור געהויבן" און „אַלץ ווערט פולקאָם דורך דעם צדיק". דער תמצית פון גאָט־דינען איז לויט אים די ליבשאַפט צו גאָט: „דורך דער ליבשאַפט ווערן דערהויבן אַלע נידעריגע מדרגות". אין דעם דאָזיגן פּרט איז דער „מלאך" נעהענטער צום בעל־שם, איידער צו זיין פאָטער ר' בער, פאַר וועמען די יראת־שמים איז דער תמצית פון דער עבודת־הבורא. אַזוי ווי דער בעל־שם און זיין פאָטער, האָט ער גע־האַלטן אַן עולם ומלואו פונם „ריינעם געדאַנק", „דעם מענטשנס געדאַנק, דאָס איז זיין נשמה, ער איז אַ חלק אלוה ממעל" *).

ר' אברהם איז נפטר געוואָרן דעם 12־טן תשרי אינם יאָר תקל"ז אין פאַסטאָוו. ער איז אַלט געווען אַן ערך 36 יאָר. ר' פנחס קאָריצער האָט דעמאָלט געזאָגט: „אַז דער מלאך וואָלט נישט געשטאָרבן אַזוי יונג, וואָלטן זיך אַלע צדיקים אים געמוזט אונטערגעבן". אויף זיין קבר שטייט אַן אוהל. דאָס פאָלק האַלט דעם אָרט פאַר הייליג. אַז עס טרעפט זיך אַן אומגליק, גייט מען אַהינצו מתפלל זיין פאַר דעם „הייליגן קבר".

ליב שרהס לעבן איז פול מיט סודות. דער אָרט, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, איז נישט באַקאַנט; אויך דער אָרט, פון וואַנען ער איז געקומען, איז נישט באַקאַנט. פון זיינע פאַמיליע־פאַרהעלטענישן ווייסט מען אויך גאָר נישט. זיין גאַנצע ביאָגראַפיע באַשטייט פון פאַרשיידענע ספרי מעשיות, וואָס די חסידים האָבן געזאַמלט און געטריי דערהאַלטן ביז אונז. ער פלעגט אָפט קומען צו גאַסט צו ר' דוב־בערן מעזשיריטשער, און דער דאָזיגער האָט נישט געקאָנט געפונען גענוג ווערטער אים צו לויבן. ער האָט פאַרנומען גאָר אַ באַזונדערן אָרט אינם חסידיזם. קיין דרשות האָט ער נישט געהאַלטן, קיין תורה האָט ער נישט געזאָגט, קיין ספרים האָט ער נישט געשריבן און צונויפקומען

---

*) חסד לאברהם.

זיך מיט חסידים פלעגט ער אויך נישט. די אוקראַיִנישע חסידים האָבן מער נישט געוואוסט, אַז ער איז גאָר אַ וואונדערלעכער, אויסטערלישער מענש, וואָס שטייט זעהר הויך איבער זיי און איז זעהר ווייט פון זיי. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט נישט צוליב זיי, נאָר צוליב די ל״ו צדיקים, וואָרום אין איטליכן דור לעבן דאָך זעקס און דרייסיג באַהאַלטענע צדיקים, וואָס דורך זייער צדקות האָט די וועלט אַ קיום. קיינער ווייסט נישט, וואו זיי וואוינען און וואָס זיי טון. אפשר איז אָט יענער אָפּגעריסענער אָרימאַן איינער פון די דאָזיגע ל״ו־ניקעס ? ווער קאָן עס וויסן... און אין איטליכן דור איז פאַראַן אַ צדיק, וואָס האָט די שליחות צו זיין דער סרסור צווישן די אָפענע און באַהאַלטענע צדיקים. ער מוז אויך דאַגהנען וועגן זייער חיונה. אָט די דאָזיגע געהויבענע שליחות איז אויסגעפאַלן אויפן חלק פון ר׳ ליב שרהס.

די חסידישע פאַנטאַזיע האָט דאָ געפונען אַן אָרט צו וועבן אירע לעגענדעס אין ספורי מעשיות. דאָס, וואָס ר׳ ליב שרהס האָט געפירט אַ לעבן פון אַ נע־ונדניק, האָט זי דערקלערט דורך זיין אויבנדערמאָנטער שליחות. ער פלעגט זיך צונויפקומען מיט די ל״ו באַהאַלטענע צדיקים, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און דערפאַר האָט ער געמוזט וואַנדערעווען פון איין אָרט צו דעם אַנדערן. מען דער־ציילט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם קונץ פון קפיצת הדרך, וואָרום ער פלעגט דערגרייכן דעם סאַמען ווייטסטן אָרט אין זעהר אַ קורצער צייט. אומעטום, וואו ער פלעגט נאָר קומען, פלעגט ער תיכף עפענען אַ קרעמל. דאָס דאָזיגע קרעמל איז תמיד געבליבן ליידיג. די אוקראַיִנישע יידן זאָגן נאָך עד היום פון אַ שלעכטן עסק: „ר׳ ליב שרהס געשעפטן". פאַר־שטייט זיך, אַז קיין קונים פלעגן אין זיין קרעמל נישט קומען. ער פלעגט דאָרט אויפנעמען די ל״ו צדיקים, נישט באַמערקט פון קיינעם. אין איטליכן מאַרק־טאָג פלעגט מען זעהן, ווי ר׳ ליב שרהס גייט אַרום אין די גאַסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט: ער האָט געזוכט זיינע ל״ו צדיקים.

די אוקראַיִנישע חסידים האָבן אויף אים געקוקט מיט גרויס אָפּשיי און גרויס דרך־ארץ. זיי האָבן מורא געהאַט זיך אַריינצולאָזן מיט אים אין אַ שמועס, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז נישט צוליב זיי איז ער

געקומען אויף דער וועלט. ווי האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז ער איז אַ גרויסער צדיק און אַן איש קדוש, און וועמענס הענט עס ליגט דאָס עולם־הזהדיגע און עולם־הבאדיגע לעבן. דער נאָמען ליב שרהס האָט גע־קראָגן אַ מין סימבאָלישן באַטייט. די אוקראַינישע חסידים גלויבן נאָך עד היום, אַז מען קאָן פאַרהיטן יעטװעדן אומגליק, ווען מען רעדט אַרויס דריי מאָל נאָך אַנאַנד דעם נאָמען ליב שרהס ביים שיין פון אַ בלייך. דעם נאָמען ליב שרהס האָט מען געפונען אַפילו אין דעם ספר „רזיאל המלאך". און דער מחבר פון דעם דאָזיגן ספר איז דאָך דער מלאך רזיאל, וואָס האָט איבערגעגעבן דעם ספר אין די הענט פון אדם הראשון. דאָס גאַנצע לעבן פון דעם דאָזיגן צדיק, פון זיין געבאָרן ווערן און ביזן טויט, איז אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס און ספורי מעשיות.

כב.

אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער ליטווישער חסידיזם. דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַנדערע יידן און אויף אַן אַנדערן מנהיג. דער דאָזיגער מנהיג איז געווען ר׳ שניאור־זלמן לאַדיער. ליטע איז פון תמיד אָן געווען דער אָרט פון גמרא לערנען און ישיבות. די רבנות איז דאָ פון תמיד אָן געווען אַזוי תקיף, אַז איר שליטה האָט נישט באַגעגנט קיין שום מניעה. ליטע האָט דערפאַר נישט געהאַט קיין באַזונדערע נטיה צו אַזוינע מיני אידייען, וואָס וואָרצלען אין אַ געפיל און אַן אינעווייניגסטן חוש. און ר׳ שניאור־זלמן דער „למדן", וואָס האָט נישט געוואָרפן זיין רבנות אַפילו נאָכדעם, ווי ער איז געוואָרן ר׳ דוב־בערס אַ תלמיד, האָט טאַקע געהאַט גאָר אַן אַנדער שטה אין חסידות, איידער זיינע חברים ר׳ נחום טשערנאָבילער און ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער. פון דעם רבנישן ראַציאָנאַליסט איז געוואָרן אַ חסידישער ראַציאָנאַליסט.

ר׳ שניאור־זלמן האָט באַשאַפן אַ חסידות, וואָס איז באַוואוסט אונ־טער דעם נאָמען „חב״ד" (ראשי תבות פון די דריי ערשטע ספירות: חכמה, בינה, דעה). דער יסוד פון אוקראַינישער חסידות איז דער געפיל, דער יסוד פון דער חב״דישער — דער שכל.

„דער תמצית און דער מקור פון אַלע שלמות זיינען חכמה, בינה און דעה", „שכל איז דער תוך פון דער נשמה", „די אמונה האָט איר

יניקה פון דערקענטעניש". מוסר אַלס אַ פּועל־יוצא פונם שׂכל איז חשובער און געהויבענער אַלס אַ פּועל־יוצא פון געפיל: „די מעלות, צו וואָס מען קומט על פּי השׂכל, זיינען וויכטיגער, איידער די, צו וואָס מען קומט אויף אַנדערע וועגן". מען קאָן זאָגן, אַז דער חב"דיזם איז די פילאָזאָפיע, און אַז די אוקראַינישע פאָרם פון חסידות איז די פּאָעזיע פון חסידות. דעם ליטווישן חסידיזם זיינען פרעמד אַלע ספּורי מעשׂיות, מיט וואָס דער אוקראַינישער איז פול. דעם ליטווישן חסידיזם פעלט דער פּאָעטישער מאָמענט, וואָס האָט באַשאַפן אַזוינע וואונדערליכע לעגענדעס.

ר' שניאור־זלמנס חברים האָבן פון תמיד אָן געפירט אַ מלחמה קעגן רבנות און רבנישער לומדות; זיי האָבן אויף דער דאָזיגער לומדות גע־קוקט ווי אויף אַ מיטל, אָבער נישט ווי אויף אַ ציל פאַר זיך. ר' יעקב־יוסף, דער נעסטאָר צווישן בעל־שמס תלמידים, האָט בפירוש אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נישט אַזוי להוט זיין נאָכן גמרא לערנען און אַז דער עיקר איז דאַוונען. מיט דעם איז ער זעהר נאָהענט געווען צום בעל־שם, וואָס האָט אַמאָל דערציילט, אַז אים זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן זאַכן, וואָס שטייען ברומו של עולם, נישט ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרטון אין לערנען, נאָר ווייל ער האָט געדאַוונט מיט גרויס כּונה, און נאָר דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז ער האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדריגה.

דער ראַציאָנאַליסטישער ר' שניאור־זלמן האָט בשום אופן נישט געקאָנט מסכּים זיין מיט אַזאַ מיינונג און האָט אָנגעזאָגט: „אַז בעת דו ביסט פאַרטון אין אַן ענין פון הלכה, זאָלסטו נישט מפסיק זיין דאָס לערנען צוליב דעם דאַוונען". אַ מענש מוז לערנען גמרא, אַפילו ווען דער גאַנצער למוד האָט ביי היינטיגן טאָג קיין שום ווערט נישט פאַר דער רעליגיעזער פּראַקטיק, „אַפילו אַזעלכע הלכות, אין וואָס קיינער נוי־טיגט זיך נישט". „די הלכות פון די תנאים — דאָס איז די אמתע דער־קענטעניש פון דער געטליכקייט", וואָרום „אין יעטוועדער הלכה ווייזן זיך אַרויס די חכמה און דער רצון פון גאָט; גאָט האָט געוואָלט, אַז ראובן זאָל זאָגן אַזוי, און שמעון זאָל זאָגן אַנדערש, אַפילו ווען אַליין, וואָס זיי זאָגן, באַציהט זיך אויף זאַכן, וואָס זיינען קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען". און ווען אַ מענש האָט תופס געווען מיט זיין שׂכל אַ הלכה, האָט ער אין דער אייגענער צייט תופס געווען די חכמה און דעם

רצון פון דעם רבונו של עולם. וואָרום די חכמה און דעם רצון פון גאָט קאָן מען דערקענען נאָר דורך ווייטערע אַנטפּלעקונגען אין דער הלכה. און ער האָט געהייסן זיינע חסידים פון יעדער שטאָט, אַז איטליכער פון זיי זאָל אינם משך פון אַ יאָר צייט פאַרענדיגן אַ טייל פונם ש״ס, אַזוי אַז אין דעם משך פון אַ יאָר זאָלן אַלע חסידים פון איטליכער שטאָט פאַר־ענדיגן דעם גאַנצן ש״ס. אַז דער צדיק ר׳ שלמה קאַרלינער האָט איינ־מאָל אַרויסגעזאָגט זיין באַגער צו וואוינען אין זיין סביבה און האָט ביי אים געבעטן די ערלויבעניש דערצו, האָט ר׳ שניאור־זלמן די דאָזיגע ערלויבעניש געגעבן, אָבער נאָר בתנאי, ער זאָל נישט מבזה זיין די לומדים און די לומדות.

צוליב ר׳ שניאור־זלמנען האָט זיך מיט חסידות געטראָפן די אייגענע מעשה, וואָס מיט דער קבלה. די רבנות, מיט וואָס די קבלה האָט גע־האָט אַזוינע שווערע סכסוכים פול מיט סתירות, איז געהאָלפן געוואָרן אויפן בעסטן אופן גראָד דורך אַ מקובל: דער מחבר פונם „שלחן ערוך״ איז געווען דער וועלטבאַוואוסטער מקובל ר׳ יוסף קארו. און אַזוי איז עס אויך דאָ געווען: די רבנות איז פאַרפעסטיגט געוואָרן דורך איר ערגסטן שונא, דעם חסידיזם: ר׳ שניאור־זלמן האָט געשריבן אַ „שלחן ערוך״. אַ נייעם „שלחן ערוך״ האָט געקאָנט שרייבן נאָר דער ליטוואַק ר׳ שניאור־זלמן, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אינם חסידיזם אַ ראַציאָנאַ־ליסטישן מאָמענט. ביי אים גייען זיך צונויף די צוויי הפכים, רבנות און חסידות, אין איין איינציגן מיטלפּונקט — דעם שכל *).

כג.

און אַזוי זיינען געשטאַנען די דאָזיגע ביידע ריכטונגען, דער שכל־חסידיזם און דער געפיל־חסידיזם, איינע אַנטקעגן דער אַנדערער, שטענדיג קריגנדיג זיך מיט אַנאַנד. און זיי האָבן טאַקע בשום אופן נישט געקאָנט לעבן בשלום. צווישן זיי ביידע האָט זיך אָנגעצונדן אַ היציגער קאַמף, און איטליכע פון זיי האָט געטענהט, אַז זי איז גערעכט. די אוקראַאינישע חסידים האָבן געטענהט, אַז חסידות איז אַרויסגעוואַקסן פונם געפיל, אַז

*) תניא, תורה אור און אַנדערע.

זי איז אַ פֿאָלקס־זאַך, אין וואָס יעדער מענטש, סײַ אַ געלערנטער, סײַ נישט קיין געלערנטער, קאָן און מוז האָבן אַ גלײַכן חלק; און נאָר צוליב דעם האָט זי געפֿירט אַ קאַמף קעגן דעם רבנישן לעבנס־שטייגער, ווײַל די רבנות איז אַן עסק נאָר פֿאַר אויסדערוויילטע, פֿאַר יחידי סגולה, פֿאַר שׂכל־מענטשן. איצט אָבער האָט זיך פֿון חסידות אַרויסגעאַרבעט אַ נײַע שׂכל־שיטה, וואָס נישט איטליכער איז ביכולת תּופֿס צו זײַן. קעגן דעם האָט דער חב״דיזם געטענהט, אַז דער חסידישער רעיון טאָר זיך נישט דערנידעריקן צו אַ פּראָסטן עניַן, צו אַן עניַן פֿאַרן המון, און אַז אָהן אַ געדאַנקליכן תּוך קאָן ער קיין קיום נישט האָבן. דער חב״דיזם האָט אָנגעהויבן צו קוקן מיט אַ געווייסן בטול אויפֿן אוקראַיִנישן חסידיזם און פֿלעגט אָפֿט פֿון אים רעדן, ווי פֿון אַ שפֿלער זאַך, אַ זאַך פֿאַרן פּראָסטן המון. דער חב״דיזם האָט געזאָגט, אַז פּונקט ווי אמונה בכלל האָט נישט בײַ אַלע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג דעם אייגענעם פּנים, נאָר אַז זי נעמט אָן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען לויט דעם גײַסטיקן מצב פֿון *דעם* אָדער *יענעם* טייל פֿונם פֿאָלק, אַן אײַדעלע בײַ די געבילדעטע און אַ פּראָסטע בײַ דער מאַסע, אַזוי איז אויך חסידות פֿאַרשיידן בײַ פֿאַרשיידענע טיילן פֿונם יידישן פֿאָלק. בקיצור, דער חב״דיזם האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך ווי אויף דער אַריסטאָקראַטישער ריכטונג אינעם חסידיזם.

אין דער אמתן אָבער האָבן בײדע ריכטונגען סײַ די חב״דישע, סײַ די אוקראַיִנישע, אַריבערגעכאַפּט די מאָס. די אוקראַיִנישע חסידות איז בטל געוואָרן אין פֿאַנטאַזיע און געפֿיל, אַזוי אַז זי האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן איר אמתן מהות, און פֿון דער חב״דישער ריכטונג איז געוואָרן אַ נײַער חסידישער ראַציאָנאַליזם. ווער ווייס, צו וואָס די דאָזיקע גוזמאות וואָלטן דערגאַנגען, ווען עס וואָלטן נישט אויפֿגעשטאַנען בײַ די בײדע צדדים מענטשן מיט אַ גרויסן ישוב־הדעת, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַרום אַרויסצוגעפֿינען די ריכטיגע מיט. בײַ די ליטווישע חסידים איז עס געווען ר׳ אהרן סטראַשעלער, בײַ די אוקראַיִנישע חסידים — ר׳ נחמן בראַצלאַווער.

ר׳ אהרן סטראַשעלער, וואָס איז אָפּגעווען בײַ זײַן רבין גאַנצע דרײַסיק יאָר, איז געווען דער ערשטער צווישן די חב״דניקעס, וואָס האָט די ליטווישע חסידות ווידער אַוועקגעשטעלט אויף געפֿיל און התלהבות.

אין זיינע חבורים האָט ער געפירט אַ קאַמף קעגן אַלע, וואָס האָבן עס געוואָלט דערווייטערן פון חסידות. ער איז זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען מיטן ליטווישן חסידיזם, אין זיין פאַרגליווערטער אָפיציעלער פאָרם, און האָט געמוזט איבערטראָגן פאַרשיידענע רדיפות. אַפילו זיין רבי האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון אים דערווייטערט, אָבער ער האָט אויף דעם נישט געקוקט און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. נאָך דעם רבינס טויט זיינען די חב"דניקעס צעשפּאַלטן געוואָרן. אַ סך זיינען געבליבן ביי דער אַלטער פאָרם, אַלס חסידים פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „מיטלען רבין", און אַ סך זיינען אַריבערגעגאַנגען צו ר' אהרנען.

ר' נחמן בראַצלאַווער ווידער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער אוקראַינישער חסידיזם האַלט אין פאַלן. „די חסידים ווערן ביסלאַכווייז קעלטער, אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן". דער געטליכער פונק, וואָס האָט געלויכטן אינם בעל־שם, איז פאַרלאָשן געוואָרן און באַווייזט זיך מער נישט. דער אמתער פּרצוף פון חסידות הויבט אָן צו פאַרלירן זיין נאַטירליכע פאָרם און איז באַלד קרוב דערצו, אינגאַנצן אויסגעמעקט צו ווערן. ר' נחמן האָט געוואָלט ווידער אַוועקשטעלן חסידות אויף די פיס און מאַכן פון איר אַ דבר של קימא. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אָפן קעגן דעם חסידיזם פון זיין דור, וואָרום אַ חוץ אים האָט זיך קיינער נישט געפונען, וואָס זאָל זיך דערוועגן אים צו קריטיקירן. אַ חוץ דעם האָט ער זיך געפלייסט צו געבן דעם חסידיזם אַ טיפערע און אין דער אייגענער צייט אַ בולטערע און ממשותדיגערע פאָרם. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די דאָזיגע פאָרם האָט געמוזט וואָרצלען אין געפיל און אין אינעווייניגסטן חוש, וואָרום דאָס איז דאָך געווען דער יסוד פון חסידות פונם בעל־שם. ער אַליין פלעגט זאָגן: „איך גיי אויף אַ נייעם דרך, אויף וואָסערן קיינער איז ביז אַהער נישט געגאַנגען. דער דאָזיגער וועג איז אַפילו זעהר אַלט, און פונדעסטוועגן איז ער אינגאַנצן ניי".

ר' נחמן איז געשטאָרבן אינם יאָר 1810. מיט אים איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט דער לעצטער פון די גרויסע יידישע מיסטיקער און באַנייער פון חסידות. זיין חבור „לקוטי מהר"ן", וואָס מען קאָן פאַרגלייכן מיט די באַוואוסטע חסידישע ספרים, ווי „תולדות יעקב־יוסף", „מגיד דבריו ליעקב" און „תניא", איז געווען דער לעצטער פון די גרויסע ספרים אין דער חסידישער ליטעראַטור, וואָס האָט איבער־

געלאָזט אַ טיפן שפור. דאָס, וואָס איז דערנאָך געשריבן געוואָרן — און געשריבן האָט מען אַ סך — איז געווען מער נישט ווי נאָכמאַכענישן און איבערדערציילונגען. פון דעמאָלט אָן הויבט אָן חסידות פאַרגליווערט צו ווערן. די חסידים זיינען אַפילו געוואַקסן אין צאָל. איטליכן טאָג זיינען צוגעקומען נייע מחנות פון חסידים, וואָס פלעגן זיך קלייבן אַרום זייערע צדיקים, אָבער דער חסידיזם איז פאַרגליווערט געוואָרן. עס זיינען נישט צוגעקומען קיין נייע געדאַנקען, קיין נייע דרכים, קיין נייע בילדער, קיין נייע פאַרטיפונגען; ער האָט געצויגן די יניקה פון זיין גרויסן עבר. אמת, דאָס קערנדל, דער יסוד פון חסידות, איז געבליבן, אָבער אים האָט געפעלט דער ברען און דער טיפער אידעאַליסטישער געפיל פון דער גלאַנץ-תקופה. עס הויבט זיך אָן צו פאַרשפרייטן דער פאַרגליווערטער „צדיקיזם“ מיט זיינע קיניגליכע פאַמיליעס — די רביישע דינאַסטיעס. דער „צדיקיזם“, וואָס האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער פאַרפעסטיגונג פון דער חסידישער אָרגאַניזאַציע, האָט געבראַכט מיט זיך די סכנה פון צעשפאַלטונג און צעריסנקייט, וואָרום איטליכער צדיק האָט געפירט אַ קאַמף קעגן זיין קאָנקורענט, דעם אַנדערן צדיק. דאָס האָט אָפט געפירט צו האַרבע סכסוכים צווישן די חסידים גופא.

דאָס קערנדל פון חסידות לעבט נאָך ביי היינטיגן טאָג און וועט נאָך לאַנג לעבן, וואָרום אַזאַ רעיון ווי חסידות, וואָס וואָרצלט אַזוי טיף אינם געפיליידנטום, און עס דערגרייכט אַזש ביז צו די נביאים, קאָן נישט כלה ווערן. אָבער חסידות וואַרט אויף איר באַנייער, אויף אַ באַנייער פון אינעווייניג, אַ נייעם ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אַ נייעם ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער וכדומה.

כלל־פארלאג

ח. נ. ביאַליק: שירים

ה. ד. נאָמבערג: געזאַמלטע ווערק

〃 די משפחה

מ. גידעמאַן: יידישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער (יידיש — נ. שטיף)

י. לעשצינסקי: דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן

י. קאָטיק: זכרונות

אהרן איזאַק: אווטאָביאָגראַפיע (יידיש – נ. שטיף)

בער באָלעכאָווער: זכרונות (אַריינפיר און הערות — ד״ר מ. ווישניצער)

אָ. האַוזער: אורמענש און ווילדער

פרץ מאַרקיש: גאַלאַגאַנער האָן

שאַליט־מאַרקוס: מענשעלאַך און סצענעס (גראַפישע צייכענונגען צו שלום־עליכמס בוך: „מאָטל פייסע דעם חזנס״. באַלייט־וואָרט — בעל־מחשבות)

כלל־ביכער:

פראָפּעסער מערימע: קאַרמען

צבי הירשקאָן: פון דערווייטנס

〃 〃 צוויי וועלטן

היסטאָרישע יוגנט־ביבליאָטעק:

ז. קאַלמאַנאָוויטש: די לעצטע קנאים

〃 די לעצטע טעג פון ירושלים

ב. דינאַבורג: אויפן שוועל פון מיטלאַלטער